STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01490

DI ZELNER FUN DER YIDISHER KAMFS-ORGANIZATSIYE

Vladislav Legets

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth H. Ford
in honor of
her mother Rose H. Buchhalter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וולאדיסלאוו לעגעץ

די זעלנער פון דער יידישער קאמפס=ארגאניזאציע און זייערע פריינד

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

WŁADYSŁAW LIEGIEC

ŻOŁNIERZE ŻYDOWSKIEJ ORGANIZACJI BOJOWEJ I ICH PRZYJACIELE

Redaktor: B. MARK

רעדאַקטאָר: ב. מאַרק

Prinded in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953 r.

Nakład 6.000 egz. Arkusz druk. 2 Ark. wydawn. 1,75 Papier satyn. 61x86 cm. V kl. 70 gr.
Druk. ukończono w kwietniu 1953 r.

Druk. „Prasa" Warszawa Tarczyńska 8 Nr zam. 281 4-B-50509

וועגן די לעגעצעס און זייערע זכרונות

דאָס בינטל זכרונות פון ח' וולאַדיסלאַוו לעגעץ, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן אין דעם דאָזיקן ביכל, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור וועגן טראַגישן און העראָישן געראַנגל פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע קעגן באַרבאַרישן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. דער מחבר פון די דאָזיקע זכרונות איז אַ פּוילישער פאָלקס־מענטש, אַ מיט־אויטאָרין איז אויך זיין פרוי, די חברטע סטאַניסלאַוואַ לעגעץ. דאָס, וואָס דער לייענער וועט געפינען אין דעם דאָזיקן ביכל, איז נישט בלויז אַ וויכטיקער צושטייער צו דערקענען די פאַקטן און מענטשן פון געטאָ־אויפשטאַנד. דער לייענער וועט האָבן אין דעם ביכל אַן אויטענטישע באַשטעטיקונג הערפון, אַז דער לעצטער קאַמף פון די יידישע אויפשטענדלער איז נישט געווען קיין פאַראיינזאַמטער, אַז אויף דער צווייטער זייט געטאָ־מויער האָבן געשלאָגן הערצער פון פריינד, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייערע קעפּ לטובת די יידישע מענטשן, וואָס האָבן געפירט אַן אומגלייכן געראַנגל מיט דעם העמלט נאָך מעכטיקן שונא צווישן אַ ים פון צעכוואַליעטן פייער.

די דאָזיקע פריינד זענען געווען: די פירער און מיטגלידער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, די קאָמאַנדירן און קעמפער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.

זייער גרויס איז די צאָל פון די דאָזיקע אמתע פּוילישע פּאַטריאָטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער אַנטי־סעמיטיש־פאַשיסטישער אַגיטאַציע פון דער פּוילישער רעאַקציע און האָבן דורכגעפירט העלדישע קאַמפס־אַקציעס הינטער די מויערן פון קעמפנדיקן געטאָ, באַזאָרגט די יידישע אויפשטענדלער מיט געווער, אַרויסגעפירט אַ ריי גרופּעס יידישע קעמפער פון ברענענדיקן געטאָ, כדי זיי צו געבן אַ מעגלעכקייט ממשיך צו זיין דעם געראַנגל אין די פּאַרטיזאַנישע ריייען.

צווישן דער האַזיקער גאַלעריע אמתע מענטשן און אמתע פּאַטריאָטן האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער האַרציקייט, ברידערלעכע געפילן און מוטערלעכער זאָרג לגבי די יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פונעם גיהנום — די חברים סטאַניסלאַוואַ און וולאַדיסלאַוו לעגעץ.

ווען די חברטע דאָרקע גאָלדקאָרן, די מוטיקע אָנטיילנעמערין פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, האָט מיר איבערגעגעבן איר ביסל זכרונות פון געטאָ, האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און אַקצענטירט: „די לעגעצעס זענען געווען די בעסטע פריינד פון די שווער־געפּרוּווטע יידן. זייער דירה אויף שטשיגלעגאַס איז געווען אַן אַזיל פאַר יעדן אַרויסגעריסענעם פון געטאָ־קאָשמאַר, פאַר יעדן יידן, וואָס האָט געזוכט אַ וואָרט פון טרייסט, אַ הילף און אַ וועג צום ווייטערדיקן קאַמף".

אין משך פון די לאַנגע שעהן און טעג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען מיט די חברים סטאַניסלאַוואַ און וולאַדיסלאַוו לעגעץ ביים פעסטשטעלן און אַנאַליזירן אַ ריי פאַקטן און געשעענישן פון יענער שטורמישער און אומהיימלעכער צייט, האָב איך אַרויסגעפילט, מיט וואָס פאַראַ טיפער ליבשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ הייליקן ציטער זיי שטעלן צוריק אויף אין זייער געדעכעניש די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן פון די העלדישע מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, פון די „יוזשעקס", „יורעקס", „רישעקס", „מאַרעקס", מיט וואָס פאַראַ פּיעטעט זיי רעדן וועגן דעם פפרישן פירער פון די יידישע אויפשטענדלער, דעם חבר אפרים (עדוואַרד) פאָנדאַמינסקי („סטעפאַן").

פון וואַנען זענען געקומען די לעגעצעס און אַלע אַנדערע אמתע פריינד פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן? פון וואַנען איז אַרויס דער טרייער פריינד און מיטקעמפער פון „זשאָב", דער העלדישער פּוילישער פרייהייטס־קעמפער וולאַדעק גאַיעק („קשאַטשעק")?

עס האָט זיי געבוירן דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס, עס האָט זיי דערצויגן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן, עס האָט זיי פאַרהאַרטעוועט אינעם קאַמף די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון נאָוואָטקאָ און ביערוט. עס האָט זיי געלערנט די דערפאַרונג פון דער גרויסער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד, די פּאַרטיי פון די אומשטערבלעכע לענין און סטאַלין.

פונקט אַזוי זענען אויך די קעמפער פון „זשאָב" געווען קינדער פון אַרבעטער־קלאַס. פונקט אַזוי זענען אויך די „סטעפאַנס", די „יוזשעקס", די „יורעקס" און „בענעקס" דערצויגן געוואָרן אויף דער לערע פון לענין און סטאַלין אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, אין די רייען פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוילן, אין די רייען פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

געמיינזאַם זענען געווען די אידעאַלן פון די קעמפער אויף ביידע זייטן געטאָ־מויער. געמיינזאַם איז געווען דער קאַמף — דער קאַמף פאַר אַ פריי, אומאָפּהענגיק און סאָציאַל־גערעכטיק פוילן, פאַר אַ וועלט פון שלום און סאָציאַלן פּראָגרעס, פאַר אַן אָרדענונג, וווּ אַלע מענטשן, ווייסע, געלע, שוואַרצהויטיקע און שוואַרצהאָריקע, וועלן זיין גלייך און פריי, וועלן באַקומען די זעלביקע מעגלעכקייטן בייצוטראָגן זייער צושטייער צו דער גרויסער בשותפותדיקער קולטור פון דער מענטשהייט און צו געניסן אין אַ גלייכער און פולער מאָס פון דער מאַטעריעלער און גייסטיקער שפע, וועלכע ס׳ברענגט דער סאָציאַליזם און עס וועט אין אַ ריזיק־גרעסערער מאָס ברענגען דער קאָמוניזם.

און דעריבער גלייבן מיר, אַז די קורצע אָבער דראַמאַטיש־אָנגעלאָדענע זכרונות פון סטאַניסלאַווא און ולאַדיסלאַוו לעגעץ וועלן זיין נישט בלויז אַן ערנסטער צושטייער פאַרן פאָרשער פון דער געטאָ־אויפשטאַנד־עפּאָפּעע, נאָר וועלן אויך זיין אַ ציגעלע צום גרויסן בנין, וואָס איז דורכן אומשטערבלעכן סטאַלין אָנגערופן געוואָרן: פעלקער־פריינדשאַפט.

ב. מאַרק.

וואַרשע, 15 מערץ 1953.

וולאדיסלאוו לעגעץ

די זעלנער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע („זשאָב") און זייערע פריינד

(זכרונות)

ס'איז געווען סוף יאָר 1942.

דאָס איז געווען אַ יאָר פון פאַרשטאַרקטן און אָרגאַניזירטן קאַמף פון אונדזער פּאַרטיי. די פּפּר האָט זיך פאַרשטאַרקט און פאַרפעסטיקט אין באַוואָפנטן קאַמף מיטן היטלערישן אָקופּאַנט און מיטן אינערלעכן שונא — מיט דער פּוילישער רעאַקציע.

אין רעזולטאַט פון די דערגרייכונגען און דערפאָלגן אויף די האָזיקע קאַמפּס־פּאָזיציעס און פון דער קאָנסעקווענטער טעטיקייטס־ליניע פון דער פּפּר, איז אויך אויפן געביט פון געטאָ אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", וועלכע האָט צוגעצויגן און קאָנצענטרירט אַרום זיך די צעווייטע און צעשפּרייטע אַנטיפאַשיסטישע כוחות פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס דערטיילן וויכטיקע הילף די געבליבענע, נאָך דער גרויסער יולי־שחיטה, מענטשן אין געטאָ, ווי אויך דאָס קערעווען מיט די פּאָליטישע אַקציעס און באַוואָפנטע אַרויסטריטן פון די צום טויט־פאַרמשפּטע יידן — האָט געפאָדערט אַ סטאַבילן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי. אַזאַ פאַרבינדונג איז דורך דער פּאַרטיי איינגעשטעלט און פאַרזיכערט געוואָרן.

כמעט אין אַלע קאַרטאַלן פון וואַרשע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר־קאָנספּירירטע פּונקטן, דורך וועלכע עס זענען דורכגעגאַנגען די פאַרבינדונגס־קאַנאַלן צווישן דעם געטאָ און דער „אַרישער" זייט, איינער פון די הויפּט־קאַנאַלן האָט געפירט צו דער שטשיגלע־גאַס.

* * *

דאָס הויז נר' 3 אויף דער שטשיגלע איז געשטאַנען, ווי דאָס ווייזט דער נומער, ביים אָנהייב פון דער גאַס. אונדז אָבער, די איינוווינער, האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז די גאַס הייבט זיך אָן ביי איר עק, דאָס הייסט דאָרט, וווּ זי האָט זיך פאַראייניקט מיט דער קאָפּערניקאַ.

דאָס שטשיגלע-געסל, וואָס האָט פאַרמאָגט אינגאַנצן 13 הייזער, איז געווען זייער אַ שטילס. פון דער קאָפּערניקאַ-גאַס האָט עס זיך געצויגן שפּועדיק, באַרג-אַראָפּ, און האָט זיך פאַרענדיקט ביים נומער 1 מיט אַ בלינדער וואַנט. ביים נידעריקסטן פונקט, דאָס הייסט ביים סאַמע „סוף“ פון געסל און כמעט אַנטקעגן דעם הויז נר׳ 3, האָבן זיך געפינען שטיינערנע טרעפּלעך, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט דורכגיין אויפן אָקולניק און דערנאָך אַראָפּ צו דער טאַמקע אַוש אויף פּאָווישלע אָדער אויף אָרדינאַצקע — צו די באַלעבטע גאַסן פון מיטלשטאָט. די דאָזיקע טרעפּלעך, פאַרמאַסקירטע און באַנוצטע בלויז דורך די שטענדיקע איינוווינער פון שטשיגלע, האָבן אַ סך מענטשן געהאָלפן זיך אויסצובאַהאַלטן און אַנטלויפן פאַר די היטלערישע שפּיצלען. די דאָזיקע טרעפּלעך עקזיסטירן נאָך ביז היינט; זיי זענען אָבער טיילוויז פאַרשאָטן מיט גרוז און בלויז געציילטע באַנוצן זיך מיט זיי, כדי אַדורכצוגיין פון דער שטשיגלע אויף פּאָווישלע.

אין דער וווינונג נר׳ 21, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ טיפן קעלער פון הויז נר׳ 3 אויף שטשיגלע-גאַס, איז מען אַריינגעגאַנגען פון הויף אויף לינקס, ראַן ווידער פון הויף אויף לינקס און נאָך אַמאָל לינקס מיט טרעפּלעך ביז צום קעלער. אין דער דאָזיקער וווינונג האָט מען אויך געקאָנט אַריינקומען דורך אַ מאַנגל, אָדער דורך דער וווינונג פון פרוי באָרוטאָוואַ, די אייגנטימערין פון דער מאַנגל. דער דאָזיקער דורכגאַנג איז געווען רעזערווירט נאָר אויפן פאַל פון אומזיכערקייט, אָדער אויפן פאַל פון אַ בולטער געפערלעכער סיטואַציע. אין אַזעלכע מאָמענטן זענען די באַדראָטע מענטשן אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער וווינונג נר׳ 21 דורך דער מאַנגל גלייך אויף דער גאַס, אויסמיידנדיק דעם הויף, און פון דאָרטן מיט שטיינערנע טרעפּלעך אין שטאָט.

דאָס פענצטער פון קעלער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף און האָט זיך געפונען נידעריקער פון דער ערד. אַלע מענטשן, וועלכע זענען אַריין אין דעם טייל הויז, האָבן געמוזט פאַרבייגיין האַרט ביים פענצטער. געזען האָט מען זיי נאָר ביז דער העלפט, אָדער נאָך ווייניקער, אָפּהענגיק פון זייער וווּקס. די שטענדיקע איינוווינער פון הויז האָט מען שוין דערקענט לויט די פיס, אָדער לויט די שיך. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אויך דערקענט אונדזערע פריינד.

* * *

אין איינעם אַ טריבן און כמורנעם פאַרנאַכט פון סוף נאָוועמבער, זיצנדיק צוזאַמען מיט מיין פרוי אין פינצטערן קעלער, ווייל דער אינקאַסענט פון דער עלעקטראָווניע האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, האָבן מיר פּלוצעם דערהערט הינטער דער וואַנט ענערגישע און שנעלע טריט. איך האָב אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער און אָנגעשטאָט פיס, ווי געווינטלעך, האָב איך דערזען אַ געשטאַלט פון אַ יונגן בחור פון מיטלן וווּקס, וועלכער איז האַסטיק פאַרבייגעגאַנגען ווייט פון דער וואַנט, כדי בעסער צו אָבסערווירן די וווינונגען און די טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט צום קעלער. איך האָב באַוויזן צו באַמערקן, אַז דער בחור האָט

דיסקרעט און אויפמערקזאם געקוקט אין העך זייט פון אונדזער וויגונג. איך בין געווען זיכער, אז ער גייט צו אונדז. איך האָב געהייסן מיין פרוי זיין גרייט צו עפענען די טיר און דער קליינער עווא האָב איך אריינגעשעפּטשעט אין אויער, אז צו אונדז גייט א „פעטער". אונדזער עווא איז דאן אלט געווען 4 יאָר און אלע חברים, וועלכע זענען צו אונדז געקומען, זענען פאר איר געווען פעטערס אָדער מומעס. די דאָזיקע „קרובהשאפט" איז געווען זייער א פארצווייגטע...

און ווירקלעך, אין א פּאָר מינוט ארום האָבן מיר דערהערט א קלאפּן. מיין פרוי איז אוועק עפענען די טיר. פון פינצטערן פאָר-הויז האָב איך דערהערט די ווערטער: „צי האָב איך געטראָפן די פרייליין זשיוטע?" פון די קורצע, אָפּגעריסענע ווערטער, מיט וועלכע מיין פרוי און דער געקומענער האָבן זיך צונויפגערעדט, האָב איך זיך אָריענטירט, אז דאָס איז באמת א נייער „פעטער".

דאָס איז געווען דער פארבינדלער פון האיאָן-קאָמיטעט פון דער פארטיי אין געטאָ, דער חבר יוזשעק יאראָסט.

אויפגעקלערט האָט זיך עס אביסל שפּעטער, אָבער פאר דעם האָבן מיר זיך אָנגעלאכט צוליב א קאָמישן אינצידענט, וועלכן עס האָט ארויסגערופן וולאדעק גאיעק.

די זאך איז געווען אזוי. מיר האָבן נאָך נישט באוויזן זיך אדורכצורעדן מיטן גאסט, וועלכן מיר האָבן צוליב דער פינצטערניש נישט געקאָנט אפילו רעכט אָנקוקן, ווי מיר האָבן דערהערט האסטיקע טריט אין פאָרהויז. די טיר האָט זיך געוואלדיק אויפגעפּראלט און מיר האָבן דערהערט א געשריי: „די הענט אין דער הויך!" לויט דער שטים האָב איך גלייך דערקענט, אז דאָס איז וולאדעק גאיעק. איבעריקנס האָב איך שוין געקענט זיינע ווילדע וויצן. יוזשעק יאראָסט האָט זיך אָבער גענעבן א שנעלן ריס פון אָרט און איז צוגעלאָפן צום פענצטער. איך האָב גלייך א סוף געמאַכט צו דער מיספארשטענדעניש, אויסשרייענדיק:

— „גאיעק, מאך זיך נישט צו נאַר!"

לאַכנדיק הויך אויפן קול האָט מיר גאיעק דערלאַנגט א פּלאַש מיט נאַפט, וועלכע ער האָט ערגעץ ווו „אויסגעקאָמבינירט". איך האָב אָנגעגאָסן נאַפט און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. פאר דער צייט האָבן יוזשעק יאראָסט און וולאדעק גאיעק באוויזן זיך צו באקענען. יוזשעק האָט הארציק געלאכט פון גאיעקס וויצן.

יוזשעק האָט לויטן אויסזען געקאָנט אלט זיין א יאָר 20. ער איז געווען הויך, פון מיטעלן וואוקס, עטוואָס איינגעבויגן, ווי א מענטש מיט א שוואך אנטוויקלטן ברוסטקאַסטן. ער האָט געהאט געדיכטע, שוואַרצע האָר געקעמט ארויף, שוואַרצע אויגן און א גלאַט, העל, עטוואָס בלייך סעמיטיש פּנים. האָבנדיק אויסצופירן וויכטיקע אויפגאבן אויף דער „ארישער" זייט, פלעגט ער זיך שטאַרק איבערנעמען מיטן זיין „שלעכטן אויסזען", ווייל דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט פריי זיך צו באוועגן אין דער שטאָט. פּויליש האָט ער גערעדט נישט שלעכט און מיט א גוטן אקצענט.



די פאַרקאָנספּירירטע וווינונג פון חבר לעגעץ „טאַטע“ אויף שטשיגלע־גאַס אין וואַרשע

מיר זענען געזעסן אַרום טיש אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דאָס גאַפּטלעמפּל. דער טיפער קעלער און די שטילקייט אויף דער שטשיגלע גאַס האָבן אונדז פולשטענדיק אָפּגעזונדערט פון דער קלינגערײַ און גרילצעניש פון די טראַמווייען, ווי אויך פון די אַליאַרם־סירענעס פון די געסטאַפּאָ־אויטאָס. אָבער דער שמועס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. מיר האָבן יוזשעקן געשטעלט פאַרשידענע פראַגן און ער פלעגט געבן אויסמײַדנדיקע ענטפערס. מיר האָבן געזען, אַז ער היט זיך און וויל נישט זאָגן צו פיל, ווײַל דאָס וואָס ער האָט געהאַט איבערצוגעבן, האָט ער געוואָלט קאָמוניקירן דירעקט דעם אָפיציעלן פאָרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט. מיר האָבן זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט פון וואַנען יוזשעק איז געקומען און צוליב וועלכן ציל. קיין שום אויפקלערונגען אין דאָזיקן ענין זענען אונדז נישט געווען נייטיק. גאַיעק האָט אָבער אויף אַ „כיטרען" אופן געוואָלט עפּעס אַרויסקריגן פון אים. ער האָט אַזוי לאַנג מאַנעווירט מיט זײַנע וויצן, ביז יוזשעק, וועלנדיק זיך אָפּטשעפּען, האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען פון טשענסטאָכאָוו. דאָס האָט אונדז אַביסל פאַרוואונדערט.

— וויזש פון טשענסטאָכאָוו? און אויך דאָ צו אונדז אויף דער שטשיגלע־גאַס?

שפּעטער האָבן מיר זיך אויפגעהערט צו וואונדערן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן אָנגעהויבן קומען צו אונדז מענטשן פון ביאַליסטאָק, לובלין, מאַלקין, סלאָנים און פון אַנדערע שטעט. דאַן אָבער, האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט, אַז אין דער פּאַרטייאישער נאָמענקלאַטור איז דאָס געטאָ געווען באַצייכנט מיטן קריפּטאָנים „טשענסטאָכאָוו".

* * *

נאָך צוויי טעג און נעכט דערוואַרטונג אין אומרו און אומזיכערקייט, האָט זיך ענדלעך באַוויזן די „פּריילין זשיוטע". דאָס איז געווען די חברטע קריסטינע קאָוואַלסקאַ, אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּר, די פרוי פון שעף פון וואַרשעווער שטאַב פון דער „פאָלקס־גוואַרדיע" — „רישאַרד" קאָוואַלסקי. קאָוואַלסקי איז שפּעטער אומגעקומען בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד אויף „סטאַרוווקע". נאָכן באַפרייען וואַרשע איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע קאַמפס־חברים, אָפיציערן פון שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, באַגראָבן געוואָרן ביים סקווער אויף קראָקעווער פאָרשטאָט.

די חברטע קאָוואַלסקאַ האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט יוזשעקן. דעם זעלבן טאָג זענען צו אונדז אויף שטשיגלע גאַס געקומען נאָך אַנדערע פאָרשטייער פון וואַרשעווער קאָמיטעט. איך געדענק, אַז צווישן זיי איז אויך אָנוועזנד געווען חבר „גאַסטעק" קאָוואַלטשיק, וועלכער איז אין אַ פיר חדשים אַרום אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אין די קעלערס פון קראָקעווער געסטאַפּאָ.

די אויפֿגאַבע, צוליב וועלכער יוזשעק יאַראָסט איז געקומען אויף שטשיגלע גאַס איז געווען האָס אַרומרעדן מיט די פֿאָרשטייער פֿון וואַרשעווער קאָמיטעט פֿון פּפּר און פֿון דער פֿאָלקס-גוואַרדיע דעם אופֿן פֿון ווייטערדיקער הילף, פֿון צושטעלן געווער און פֿון צוגרייטן עטאַפּ-פּונקטן פֿאַר די קאַמפּס-גרופּן, וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט אַרויסציִען פֿון געטאָ, כּדי זיי אײַנצואָרדענען אין וואַרשע און אין דער אומגעגנט מיטן ציל זיי אַריבערצוואַרפֿן צו די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען אין די וועלדער. קודם כּל האָט מען געהאַרפּט פֿעסטשטעלן די וועגן, וועלכע האָבן געפֿירט צו די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילן, די מיטלען און דעם אופֿן פֿון טראַנספּאָרט, ווי אויך דאָס באַשטימען פֿאַרבינדלער. דאָס איז געווען אַן אויסערסט-וויכטיקע אויפֿגאַבע. פֿון אויספֿירן אָט די אויפֿגאַבע איז אָפּהענגיק געווען דער ווייטערדיקער דערפֿאָלג פֿון די קאַמפֿן, וועלכע די פּאַרטיי האָט פֿאָרויסגעזען נאָכן אַרויסגיין פֿון געטאָ.

אָבסערווירנדיק יוזשעקן, האָבן מיר געזען, אַז דער אויסוואַל האָט נישט געקאָנט זײַן קיין בעסערער. דאָס אויספֿירן אָט די אויפֿגאַבע איז איבערגעגעבן געוואָרן אין ריכטיקע הענט. יוזשעק איז געשטאַנען אויף אַ הויכן פּאָליטישן ניוואָ און איז געווען, נעמענדיק אין אַכט זײַן יונגן עלטער, זייער פֿאַרשטאַנדיק. מען קאָן זאָגן, אַז אַפֿילו זייער קלוג. זײַן פֿאָרזיכטיקייט איז נישט געווען קיין רעזולטאַט פֿון מורא פֿאַר דער אייגענער זיכערקייט. פֿאַרקערט, אָט די פֿאָרזיכטיקייט און דאָס פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפֿיל זענען געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער זאַך, פֿאַר וועלכער ער האָט געקעמפֿט מיטן פֿולן באַוווסטזײַן און פֿאַר וועלכער ער האָט מקריב געווען אָן שום וואַקלעניש זײַן יונג לעבן.

נאָכן אַרומרעדן און אײַנשטעלן די ריכט-ליניעס פֿון דער ווייטערדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער און קאַמפֿס-טעטיקייט אין געטאָ, איז נייטיק געווען דאָס צואײַלן די צוגרייטונגס-אַרבעטן צום אויפֿשטאַנד. יוזשעק האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין.

דער אופֿן פֿון אַרויסבאַקומען זיך פֿון געטאָ אויף דער „אַרישער“ זײַט און פֿון אומקערן זיך צוריק איז געווען זייער אַ פּשוטער און איז באַשטאַנען פֿון אַ גאַנץ קלוגן אײַנפֿאַל. עטלעכע מאָל אין דער וואָך פֿלעגן די דײַטשן אַרויספֿירן פֿון געטאָ גרופּן ייִדן צו דער אַרבעט אויף אונדזער זײַט. איינע פֿון די דאָזיקע גרופּן האָט געהאַט אַ באַשטימטן מאַרשרוט: פֿון געטאָ אויף פּראַגע, דורך פּלאַץ-קראַשינסקי, מיאָדאָווע, סענאַטאָרסקע, פּלאַץ-זאַמקאָווע, אַמאָליקער נאָווי-זיאַזד און ווייטער דורך דער קערבעדזש-בריק. צוריק איז די דאָזיקע גרופּע געגאַנגען מיטן זעלבן וועג. יוזשעק יאַראָסט, גייענדיק צו אונדז, פֿלעגט זיך אומבאַמערקט אַרײַנשלײַכן אין אָט דער גרופּע איידער זי פֿלעגט אַרויסגיין פֿון געטאָ-מויער און האָט צוזאַמען מיט איר מאַרשירט אין דער ריכטונג פֿון פּראַגע. אויפֿן ראָג סענאַטאָרסקע און פּלאַץ-זאַמקאָווי, קעגנאיבער דער זיגמונט-קאָלומנע, ביי דזשאָנס הויז, דאָרט וווּ עס געפֿינען זיך הײַנט די באַוועגלעכע טרעפּ — האָט ער זיך אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסגעשאַרט פֿון עולם אויפֿן

טראָטואַר, ביים באַוועגלעכן פּונקט פון גאַס. אויף אַ פריער אָפּגערעדטן אָרט האָט שוין אויף אים געוואַרט אַן עמעצער און אים אָפּגעפירט דורך די וואַרשעווער גאַסן צו אונדז אויף דער שמשיגלע.

דער צוריקקער אין געטאָ איז פאָרגעקומען אויפן זעלבן אופן, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ווען די גרופּע ייִדן איז געגאַנגען פון פראַצע, האָט ער זיך אין איר אַריינגעכאַפּט און צוזאַמען מיט איר אַוועק צום טויער פון געטאָ. יוזשעק האָט שפּעטער אַ סך מאָל זיך באַנוצט מיט אָט דעם וועג. פון דער שמשיגלע גאַס האָט אים ביז דער זיגמונט־קאָלומנע שטענדיק באַגלייט אײנער פון אונדזערע חברים. הײַנט האָט אים געזאָלט באַגלייטן מיין פרוי. יוזשעק האָט געהאַט אַ „שלעכטן" אויסזען און אַפילו דער „אומשולדיקסטער" באַגלייטער האָט נישט גאַראַנטירט פאַר אים קיין פולע זיכערקייט. צו אַלע צרות האָבן די „שמאַלצאָווניקעס" געניסטערט ווי שאַקאַלן איבער דער שטאָט. דאָס האָט געפאָדערט מיר זאָלן זיין מער פאָרזיכטיק. אײנער פון אונדז איז געפאַלן אויף אַן המצאה מען זאָל יוזשעקן פאַרבאַנדאַזשירן דאָס פנים און ווי אַ קראַנקן אָפּפירן צו דער קאָלומנע. מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. מיין פרוי האָט אָפּגעפירט יאַראָסטן צו פלאַץ־זאַמקאָווי און פון דאָרטן האָט ער זיך צוזאַמען מיט דער גרופּע ייִדן, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון פראַצע, אַריינבאַקומען אין געטאָ אָן שטערונגען. דעם דאָזיקן מיטל האָבן מיר אויך שפּעטער באַנוצט מיט דערפאָלג ביים אַריבערפירן אַ סך אַנדערע ייִדישע חברים מיט אַ „שלעכטן אויסזען".

* * *

די פאַרשנעלערטע צוגרייטונגען פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צו דער פאַרטיידיקונג פון די געטאָ־אַסורים און, אין פאַל פון נויטווענדיקייט, אַפילו צום אָפּענעם ווידערשטאַנד קעגן דעם רעגולערן היטלערישן חיילות האָבן געפאָדערט צו פאַרגרעסערן די צאָל פאַרבינדלער מיטן געטאָ.

די נייע אומשטענדן האָבן געפאָדערט גרעסערע אָנשטרענגונגען פון אונדזער זייט. יוזשעק יאַראָסטן און די ווייטערדיקע פאַרבינדלער האָט מען געדאַרפט צייטווייליק פאַרזיכערן נייע באַהעלטענישן, אין וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט איבערזיין די צייט, ווען זיי האָבן דערלייזדיקט די ענינים פון „זשאָב" (ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע). דאָס איבערלאָזן צו פיל דעם לאָקאַל אויף שמשיגלע איז געוואָרן געפערלעך און האָט געדראָט מיט דעקאָנספּיראַציע. אויפמערקזאַם אויף דעם האָט געמאַכט די חברטע קריסטינע קאָוואַלסקאַ. אויך דער חבר „בראָדאַ" (פראַנטישעק לענטשיצקי) האָט דורכויס געפאָדערט מען זאָל זיך נישט באַנוצן אַזוי אָפט מיט אונדזער דירה אויף שמשיגלע גאַס.

ווען יוזשעק יאַראָסט איז צו אונדז געקומען צום צווייטן מאָל האָבן מיר אים אָפּגעפירט דעם זעלבן טאָג אויף דער גאַס טשערוואָנעגאָ קושיזשאַ צו דער משפּחה קאָוואַל. העניק קאָוואַל, אַ וואַרשעווער דרוקער, האָט אויפריכטיק געהאָלפן און מיטגעאַרבעט מיט דער פּאַרטיי אויף אַ סך אָפּשניטן. ער האָט

געהאָלפן איינאָרדענען א דרוקעריי און האָט געשאַפן דעם נייטיקן זאַץ־מאַטעריאַל. אין זיין ווירונג איז פאָרגעקומען סאַניטאַרע אויסשולונג, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פאָלקס־געזונטהייט־ס־קאָמיסיע. אָבער אויך דאָ האָט יוזשעק לאַנג נישט געקאָנט בלייבן. אויפן דריטן טאָג האָב איך אים אריבערגעפירט אויף שיעלצע, אויף כעלמסקא גאַס, צו מארישא בעקעראָווא און צו איר ברודער לאָלעק זשוראַווסקי. אויך דאָס מאָל האָב איך אָנגעווענדעט דאָס גוט־אויסגעפרוווטע מיטל און פאַרבאַנדאַזשירט יוזשעקן דעם קאָפּ און דאָס פּנים.

דאָס אָרט אין קאָוואַלס ווירונג האָט פאַרנומען א צווייטער פאַרבינדלער פון שטשיגלע, און אויף שטשיגלע פלעגן אָנקומען פרישע פאַרבינדלער פון געטאָ. אָט די „ראָטאַציע" האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדע וואָך. ס'איז געווען חודש מערץ 1943. די טראַגישע און העלדישע טעג פאַר די געטאָ־איינוווינער האָבן זיך דערנענטערט.

* * *

דער טראַגישער פּעריאָד פון דער היטלערישער אָקופּאַציע און דער קאַמף אויף טויט און לעבן פאַר באַפרייונג, פאַר ראַטעווען דאָס פאָלק פון פיזישער פאַרניכטונג איז גלייכצייטיק געווען א גרויסע פּראָבע פון כאַראַקטער. סיי צווישן פּוילישן פאָלק, סיי צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן די פּראָבע און זיך דערקייקלט צום תהום פון מאָראַלישער געפאַלנקייט און נאַציאָנאַלן פאַראַט. די דאָזיקע טינקעלע פאַרשייגען זענען פעיק געווען אָפּצוטאָן די שענדלעכסטע מעשׂים, כּדי געפעלן צו ווערן די היטלערישע בעסטיעס.

די אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע — לויטן מוסטער פון פּפּר — האָט פאַרשטאַנען, אַז אין קאַמף דאַרף מען זיך שטיצן אויף די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן, אַז מען דאַרף געווינען די פּאָפּולערקייט צווישן די מאַסן קעמפנדיק נישט נאָר מיטן אויסערלעכן שונא, נאָר אויך מיטן אינערלעכן, מיט די, וועלכע האָבן געהאָלפן דעם פאַשיסטישן אָקופּאַנט אויסצומאָרדן די אייגענע ברידער און שוועסטער. דער דאָזיקער קאַמף האָט געפונען די פולסטע און ענטוזיאַסטישע אונטערשטיצונג מצד די יידישע מאַסן אין געטאָ. אויף די גבירים איז ארויפגעלייגט געוואָרן א קאָנטריבוציע, כּדי צו שאַפן געלט־מיטלען אויף איינקויפן געווער, אויפרייס־מאַטעריאַלן און כעמישע שטאָפן. לגבי די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט עפּעס צו געבן, הגם זיי זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, איז אָנגעווענדעט געוואָרן עקספּראָפּריאַציע. אין פאָלקס־מויל האָט עם געהייסן „עקסן" און דאָס ווערטל איז זיינער צייט געווען זייער פּאָפּולער אין געטאָ, ווי אויך אויף דער „ארישער" זייט. אויף אָפענע פאַרעטער און קאָלאַבאָראַנטן, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט מיט זייער מיטאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ, זענען ארויסגעטראָגן געוואָרן טויט־אורטיילן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן זייער פּינקטלעך און אומברחמנותדיק. די פאַרעטער האָט מען פאַר־

פּאָלגט סיי אין געטאָ, סיי מחוץ אים. די פּאָפּולאריטעט פון „זשאַב“ איז געוואקסן און מיט איר איז אויך גלייכצייטיק געוואקסן דער קאמפּס־לוסט. די יידישע פאָלקס־מאסן האָבן דערפילט, אז זיי האָבן א פארטיידיקער און האָבן אָנגעהויבן צו רופן די זעלנער פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע — „נקמה־נעמער“.

א סך יידישע פארעטער און קאָלאַבאָראַנטן האָבן דערפילט, אז דער באָדן ברענט זיי אונטער די פיס. מען האָט זיי אלעמען געקענט לויט דער פאמיליע און אויסזען. וועלנדיק זיך ראטעווען, זענען א סך פון זיי אנטלאָפן אויף דער „אַרישער“ זייט. די פארבינדלער פון „זשאָב“, וועלכע האָבן זיך געפונען מחוץ געטאָ, האָבן געקראָגן א באפעל צו ליקווידירן יעדן פארעטער ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט.

דאָס איז געווען אָנהייב חודש אפריל. נישט קיין סך טעג האָבן שוין אָפּגעטיילט די פארמשפּטע צום טויט יידן פון דער „גרויסער אקציע“ אין געטאָ. וועלכע עס האָט צוגעגרייט דער היטלערישער גענעראל און מלחמה־פארברעכער יורגען סטראָאָפּ. בייטאָג איז דאָס שטשיגלע געסל אליאַרמירט געוואָרן מיט אַ פּאָרפּאל, וואָס האָט פאסירט אויף אָקולניק. הינטערן בנין אין וועלכן עס איז אמאָל געווען דער צירק, נישט ווייט פון בלינדן געסל און די שטיינערנע טרעפּלעך אויף שטשיגלע האָט זיך געפונען א פוסט פּלעצל. אויף אָט דעם פּלעצל, הארט ביי דער געביידע פון קראשינסקים ביבליאָטעק, האָט איינער א יונגערמאַן דערשאָסן א צווייטן. די איינוווינער פון דער ארומיקער געגנט האָבן ארויסגעזאָגט פארשידענע השערות וועגן דעם דאָזיקן פּאָרפּאַל. זיי זענען זיך אָבער שנעל פאנאנדערגעגאנגען צו זייערע וווינונגען, נישט וועלנדיק זיין קיין „עדות“ אויפן פאל ווען די דייטשישע זשאַנדאַרמען אָדער די פּוילישע „גראַנאַטאָווע פּאָליציי“ וועט דאָ אראָפּקומען...

די זעלבע נאַכט האָב איך שוין אָבער געוווּסט, אז דאָס האָט דער זעלנער „טאַדעק“ פון דער יידישער קאמפּס־אָרגאניזאציע, אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל איבער א יידישן פּראָוואָקאַטאָר.

טאַדעק איז אלט געווען א יאָר 25. ער איז געווען א בלאָנדער פון מיטעלער וווּקס, זייער א פעסטער און מוסקולירטער. ער האָט געהאַט א גרויסן, קיילעכיקן קאָפּ, ווי א פוטבאָל־פּילקע, און א ברייטן, רויטן קארק. ווען ער האָט ביים באגריסן זיך א דרוק געטאָן מיט זיינע גרויסע, אויסגעארבעטע הענט, האָט מען זיך געמוזט איינבייגן פון ווייטיק. ער האָט זייער גוט גערעדט פּויליש און מיט א גוטן אקצענט. ער פלעגט זיך אָבער אביסל פארהיקען ביי געוויסע אויסדרוקן אָדער ווערטער. אין אלגעמיין גענומען האָט ער אָבער געהאַט א „פּרעכטיקן אויסזען“ און קיין שום זאך האָט נישט פאראַטן זיין יידישן אָפּשטאַם. לויטן אויסזען איז ער פולשטענדיק ענלעך געווען צו א טרעגער פון אייזערנעם טויער, אָדער צו א דראָזשקאַזש, וועלכע מען האָט דאן אין ווארשע גערופן „כאַלאַטע“. ער האָט שטענדיק געטראָגן שטיוול מיט לאנגע כאָלעוועס, א קורצע קורטקע און

א „מאַטשעיוווקע“ מיט אַ גלאַנציקן האָשעק, וועלכע איז געלעגן אויף זיין גרויסן, קיילעכיקן קאָפּ, ווי אויף אַן ארבוז. איבעריקנס פלעגט ער אליין אָנרופן זיין קאָפּ נישט אַנדערש ווי „א...א...אר...בוז“, פאַרהיקנדיק זיך און לאַכנדיק דערביי מיט זיין גראָבן, אָנשטעקנדיקן געלעכטער.

טאַדעק האָט זיך באַפריינדעט מיט וולאַדעק גאַיעקן, וועלכן ער האָט אָנגערופן „קשאַטשעק“. דער דאָזיקער צונאָמען האָט זיך זייער שנעל אָנגענומען און א סך מענטשן האָבן געקענט גאַיעקן בלויז פון נאָמען „קשאַטשעק“, וועלכן ער האָט שוין באַנוצט ביזן סוף פון זיין לעבן. אין א סך ארבעטן און פובליקאַציעס וועגן אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ, דערמאָנען די אויטאָרן דעם נאָמען „קשאַטשעק“. דאָס איז טאַקע וולאַדעק גאַיעק.

די האַרציקע חברישקייט צווישן טאַדעקן און וולאַדעקן איז נישט געווען קיין רעזולטאַט בלויז פון זייער געמיינזאַמען קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, נאָר אויך פון דעם, וואָס זיי זענען אייגער צום צווייטן ענלעך געווען מיט זייערע כאַראַקטערן. זיי זענען ביידע געווען זייער מוטיק און קאַמפּס־לוסטיק און האָבן זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיטן געווער. איינער פאַרן צווייטן איז שטענדיק גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין לעבן.

אַ טאָג צוויי פריער פאַרן דערשיסן דעם פּראָוואָקאַטאָר נעבן דער קראַשינסקי־ביבליאָטעק האָבן זיי זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויפן אָקולניק נישט ווייט פון גרויסן שטיין, וועלכער איז געלעגן האַרט ביי דער קאָנסערוואַטאָריע. דער טרעף־פּונקט איז געווען נאָענט צו די שטיינערנע טרעפּלעך, וואָס האָבן פאַראייניקט דאָס שטשיגלע געסל מיטן אָקולניק. גייענדיק צו דער שטשיגלע, האָט טאַדעק, ווי זיין שטייגער איז געווען, געוואָלט באַקוקן דעם טרעף־פּונקט און זיך איבערצייגן צי אַלץ איז אין אָרדענונג... צוליב דעם האָט ער אויסגעקליבן דעם וועג דורך אָרדינאַצקע, אָקולניק און די שטיינערנע טרעפּלעך. אויף דער אָרדינאַצקע, צווישן קאָפּערניקא און אָקולניק, האָט ער פון דער ווייטן דערקענט דעם פּאַרעטער, וועלכער איז אַרויס פון אָקולניק אין דער ריכטונג פון ניי־וועלט. דער פּראָוואָקאַטאָר האָט אויך דערקענט טאַדעקן, ווייל זיי האָבן זיך גוט געקענט פון געטאָ. אַרויסצודרייען זיך איז פאַרן שפּיצעל געווען צו שפּעט און פאַר טאַדעקן איז דאָס געווען דער אַנטשפּרעכנדיקסטער מאָמענט אים צו ליקווידירן. די גאַס איז אין דעם אָרט און אין דער צייט געווען שטענדיק כמעט ווי פּוסט. טאַדעק האָט אונדז דערציילט, אַז ווען ער האָט דערזען דעם פּראָוואָקאַטאָר האָט אים דאָס האַרץ אַזש א ציטער געטאָן פאַר פרייד. אויף אַזאַ געלעגנהייט האָט ער זיך גאָרנישט גערעכנט.

די באַגריסונג — האָט דערציילט טאַדעק — איז פאָרגעקומען פאַרשטענדלעך אָן א האַנט־דרוק. יעדער פון אונדז האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס, אַבסערווירנדיק די קלענסטע באַוועגונג פון קעגנער. דער פּאַרעטער איז געווען א הויכער, דאַרער יונגערמאַן פון אַן ערך 20 יאָר. ער האָט געטראָגן אַן אָפּגעשפּיליעט העמד, כדי מען זאָל זען זיין האַלדז און די ברוסט אויף וועלכע ער

האָט אויפֿגעהאָנגען א קייטעלע מיט א צלמל. דאָס האָט אים געראַפט פֿאַרמאַסקירן אלס ייד.

טאַדעק האָט זיך צו אים דערנענטערט און אים געבעטן מיטצוגיין ביזן אָקולניק, ווו ער האָט צו דערלייזדיקן א קורצן ענין. זיי וועלן זיך גלייך אומקערן און זיך אדורכשמועסן לענגער. דער יידישער שפּיציעל איז צוערשט אויף דעם נישט איינגעגאנגען. מיינענדיק אָבער, אז ער וועט זיך גיכער און בעסער אָפּטשעפּען פֿון טאַדעקן ווען ער וועט נישט ארויסווייזן קיין שום מורא, איז ער איינגעגאַנגען אויף זיין פֿאָרשלאג. דער פּראָוואָקאַטאָר האָט ארויסגענומען פֿון דער קעשענע א מויל-הארמאָניע און אָנגעהויבן אין איר ארייננצובלאָזן, מאכנדיק דעם אָנשטעל, אז ער פּייפֿט אויף דער וועלט. טאַדעק האָט אָבער באמערקט, אז יענער קוקט אויף אים פֿון דער זייט מיט א באהאלטענעם אומרו.

זיי זענען אריין אויפֿן אָקולניק. טאַדעק האָט אלץ שטאַרקער געדריקט אויפֿן ציינגל פֿון פּיסטאָלעט, וועלכן ער האָט געהאלטן אין קעשענע. דעם פּראָוואָקאַטאָר האָט ער געפֿירט פֿון דער לינקער זייט. לעבן בנין פֿון דער קראַשינסקי-ביבליאָטעק איז נישט געווען קיין לעבעדיקער מענטש. פּאַוואָליע, פּאָזויכטיק, האָט ער ארויסגעצויגן דאָס געווער פֿון קעשענע און בליץ-שנעל צוגעלייגט — ווי ער האָט עס אליין דערציילט — צום „אוי...אוי...אוי...ער“ און א „בלאָז געגעבן“.... איין טרעפֿלעכער שאָס איז גענוג געווען צו ליקווידירן דעם פֿארעטער. נאָכן אויספֿירן דעם אורטייל איז ער זיך רואיק אוועק מיט די שטיינערנע טרעפּלעך צו דער שטשיגלע גאַס, נישט פֿארגעסנדיק א קוק צו טאָן אויפֿן שטיין, נעבן וועלכן ער האָט זיך געזאָלט צונויפֿטרעפֿן מיט וולאַדעק גאיעקן.

* * *

אין קאַמף פֿון די יידישע מאסן מיטן היטלערישן אָקופּאנט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די יידישע יוגנט. די דאָזיקע יוגנט האט ארויסגעגעבן פֿון זיך א סך אויסערגעוויינלעכע העלדן, — מענטשן, וועמענס קרבנותגרייטקייט, אידעישקייט און גרייטקייט צו העלפֿן די קאַמפֿס-חברים, האָבן דערגרייכט די העכסטע הויכן. אלע די בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען אדורך די וויגונג אויף שטשיגלע גאַס, זענען טאַקע געווען העלדן פֿון אזא פֿארנעם. נישט געווען צווישן זיי קיין איינער, אין וועמענס כאראקטער עס זאָל טליען דער שוואַכסטער פֿונק פֿון עגאָיזם, זאָרג וועגן זיך, אָדער מורא פֿארן אייגענעם לעבן, הגם ס'איז יעדע סעקונדע געהאָנגען אויף א האָר.

איינער פֿון די טרייע און איבערגעגעבענע קעמפֿער איז געווען יורעק זאַלאָטאָוו. ער איז דאן אלט געווען א יאָר 18. אויסגעזען האָט ער ווי א שילער. ער איז געגאַנגען אין אן אָפּגעטראָגענעם שילער-מונדיר מיט בלויע גאַלאָנען. צוליב דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט ביים צוגרייטן די פּארטיידיקונג פֿון געטאָ איז אנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו האלטן נאָך איין פֿארבינדלער אויף דער „ארישער“ זייט, איז דער אויסוואל געפֿאלן אויף זאַלאָטאָוון. הגם

ער איז געווען ווייניקער דערפאַרן אין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט ווי יוזשעק יאַראָסט, איז ער פּונקט ווי יענער געווען איבערגעגעבן און קאָמפּראָמיסלאָז. ער האָט „איבערגעשטיגן" יוזשעקן — וואָס איז צו יענער צייט געווען זייער וויכטיק — מיט זיין „גוטן אויסזען", וועלכער האָט נישט צוגעלאָזט קיין שום פאַרדאַכט וועגן זיין יידישער אָפּשטאַמונג.

יורעקן האָט מען איינגעאָרדנט אויף „אַרישע" דאָקומענטן אין אַ וווינונג אויף וואָנסקי דונאַי, אויפן דריטן שטאָק, אַלס סובלאָקאַטאָר ביי אַ שטובן־מאָלער. די וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ קליין צימערל מיט אַ קיכל. די באַלע־באַטים זענען געווען שוין עלטערע לייט און יורעקן האָבן זיי טראַקטירט כמעט ווי אַן אייגן קינד. די דאָזיקע וווינונג פלעגט אויך אָפט אויסגענוצט ווערן אַלס פּאַרטיי־לאָקאַל. צוליב קאָנספּיראַציע פלעגן זיך דאָ קאָנען באַווייזן נאָר חברים מיט אַ „גוטן אויסזען".

פון דער דאָזיקער וווינונג האָבן מיר אָבער לאַנג נישט געקאָנט גענישן. איינמאָל איז געשען אַזאַ פאַל. ביי יורעקן האָט זיך אַקוראַט געפונען דער חבר לענטשיצקי, ווי אין דער וווינונג זענען אַריין צוויי ציווילע. זיי האָבן אויף אַ חוצפּהדיקן אופן דערקלערט, אַז זיי זענען געקומען אַרעסטירן אַ ייד, וועלכער באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ אויס. נאָכן טעראָריזירן יורעקן און לענטשיצקין מיט אַ רעוואָלווער, האָבן זיי דורכגעפירט אַ ברוטאַלע „רעוויזיע" מיטן ציל פעסט־צושטעלן — אַ ייד אָדער נישט. דעם חבר לענטשיצקי האָבן זיי געהייסן פאַר־לאָזן די וווינונג און זיך מער דאָ נישט אומקערן. יורעקן, אַלס ייד, האָבן זיי פאַרהאַלטן. דער חבר לענטשיצקי איז שנעל אַוועק אויף שטשיגלע און האָט אונדז דערציילט וועגן פאַרפאַל. מיר האָבן זיך בעראַטן וואָס צו טאָן, כדי יורעקן צו באַפרייען. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיין ווייב און וולאַדעק גאַיעק זאָלן אַליין אַוועקגיין אויף וואָנסקי־דונאַי.

קומענדיק אויפן אָרט האָט זיך גאַיעק דערווייל אַוועקגעשטעלט אויף פּאָדוואַ־לע פון וואַנען ער האָט געזען די גאַנצע לענג פון שמאָלן דונאַי. מיין פרוי איז אַריין אין הויז, זוכנדיק מכלומרשט דעם שטובן־מאָלער. אַרויפגייענדיק אויפן דריטן שטאָק האָט זי געפונען אַ פאַרשלאָסענע טיר. די שכנים האָבן איר גע־זאָגט, אַז ס'איז קיינער נישטאָ אין דער וווינונג, און אַז דאָס פאַרפאַלק האָט באַלד אָנקומען. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ האָט מיין ווייב געטראָפן אין טויער אַן עלטערע פרוי פון וועלכער זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז טאַקע דעם מאָ־לערס ווייב, זי האָט איר גלייך געפרעגט וועגן יורעקן.

— יורעק — האָט געזאָגט דעם מאָלערס ווייב — ער איז אַוועק מיט די צוויי. איך ווייס נישט ווו און נאָך וואָס.

מיר האָבן פאַנאַנדערגעשיקט מענטשן אין אַלע דערבייאיקע פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַטן, כדי זיך צו דערוויסן, צי מען האָט נישט מיט אַ פּאָר שעה צוריק אַרעסטירט אַ געוויסן יונגנמאַן. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט דער־פאַרן.

וואָס טוט מען? אויב מען האָט אים גלייך פאַרנומען צו דער געכטאַפּאָ אויף שובאַ, איז דאָס כמעט ווי אַ האַפּענונגסלאָזער ענין. פּראָוומערטע האָבן מיר זיך אומגעקערט אויף שטשוגלע נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן. ערשט אין אַ צוויי=דריי שעה אַרום, האָבן מיר באַמערקט ווי עמעצער האָט זיך צוגעשאַרט צום פענצטער און אין אַ מינוט שפּעטער איז אין דער וווינונג אַריינגעלאָפן אַ לאַנגער, פריש און געזונט, — יורעק זאַלאָטאָוו.

ער האָט אונדז גלייך דערציילט וועגן אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. נאָך דעם ווי דער חבר לענטשיצקי איז אַרויס פון דער וווינונג זענען די צוויי צוגעטראָטן צו אַ מער פּינקטלעכער רעוויזיע. בעת איינער פון די חברה לייט האָט געגנבֿעט געניש־מערט אין שאַנק, אין טאַפּטשאַן און אין אַלע ווינקלעך פון דער וווינונג, האָט דער צווייטער דורכגעפירט אַ פּערזענלעכע רעוויזיע ביי יורעקן. ער האָט צוגענומען ביי אים דאָס זייגערל און אַ קליינע סומע געלט. דער צווייטער, דורכזוכנדיק געגנבֿעט דעם איינגעווייד פון טאַפּטשאַן, האָט ער צווישן די פּרוזשינעס געפונען אַ קליין פּעקל, איינגעוויקלט אין גרויען פּאַפּיר און אַרומגעבונדן איייניקע מאָל מיט אַ שנירל. ער האָט ווי אָפּגעוווגן דאָס פּעקל אין האַנט, האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַרטנער און האָט אַריינגעלייגט אין אַ טעקע דאָס קליינע פּעקל, צוזאַמען מיטן זייגערל און דאָס געלט. נישט געפינענדיק קיין אַנדערע ווערטפולע זאַכן זענען זיי אַוועק מיטנעמענדיק מיט זיך יורעקן.

ערשט זייענדיק אויף דער גאַס, פאַרן טויער, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען מיטן דערשטוינטן יורעקן, — „איר ווילט לעבן? — האָבן זיי דערקלערט — מיר ווילן אויך לעבן. גייט געזונטערהייט ווו איר ווילט“. יורעק האָט זיך עס נישט געקאָנט צוגלייבן זיינע אייגענע אויערן. זייענדיק דעזאָריענטירט און איבערראַשט, מיינענדיק, אַז די דאָזיקע „גרויסמוטיקייט“ איז בלויז אַן אָנשטעל און אַז באַלד וועט מען אים אַרעסטירן האָט ער זיך שנעל אָפּגעטראָגן. נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ טראַמוויי און איז אַוועקגעפאָרן אויש אויף סלושעוויעץ. ערשט דאָ האָט ער זיך איבערצייגט, אַז קיינער יאָגט אים נישט נאָך.

אויסהערנדיק יורעקס דערציילונג האָט זיך וולאַדעק גאָיעק אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער.

— דאָס פּעקל אין גרויען פּאַפּיר איז נישט קיין גאָלד. קאָמוניסטן באַהאַלטן נישט קיין גאָלד. דאָרטן זענען געווען אַביסל ביקסן=קוילן. אָבער אַ כּפּרה די אַמוניציע אבי די ביסט פריי און די לעבסט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז וולאַדעק גאָיעק אַוועק אויפן וואָנסקי דוגאַי, כדי צו ברענגען יורעקס זאַכן. קומענדיק אַהין האָט גאָיעק געטראָפן אַ חורבן און אַ געוויין. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „גרויסמוטיקע“ שפּיצלען האָבן זיך דעם זעלבן טאָג אומגעקערט צוריק, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין פּעקל איז קיין גאָלד נישט געווען. זידלענדיק און שלאָגנדיק די באַלע=

באַטים דערפאַר וואָס זיי באַהאַלטן אויס „ייִדן־קאָמוניסטן“ האָבן זיי באַראַבעוועט די גאַנצע וווינונג.

כ׳ווייס נישט צי די בעלעבאַטים פון דער וווינונג אויף וואָנסקי דונאַי לעבן נאָך ביז היינט. אפשר ווייסן זיי אינגאַנצן נישט, אַז זיי האָבן אַרויסגעריסן פּאַטערלעכן און מוטערלעכן זאָרג איינעם פון די מוטיקסטע העלדן פון „זשאַב“ — יורעק זאַלאַטאַוון.

* * *

דער מאָמענט, נאָך וועלכן עס האָבן מיט ציטער געוואַרט די מענטשן פון ביידע זייטן געטאָ־מויער, איז אָנגעקומען. רעגולערע אָפּטיילן פון עס־עס און זשאַנדאַרמעריע, באַוואָפנט מיט פּאַנצער־וואָפן, אַרטילעריע, גאַזן, פייער־וואַרפער און אַוויאַציע האָבן אַטאַקירט דאָס געטאָ. עס האָבן זיך צעהילכט די ערשטע שאָסן. פון הינטערן געטאָ־מויער האָבן זיך באַוויזן גרויסע קנוילן רויך. במשך פון די ערשטע טעג פון די קאַמפן האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום קאָנקרעטע ידיעות. אויף דער שטשיגלע גאַס האָבן מיר זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן גורל פון אונדזערע חברים. יורעק זאַלאַטאַוו איז געווען דערשלאָגן און פאַרצווייפלט. ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן, וואָס דאָרטן קעמפט מען און ער מוז זיצן פון דער זייט און זיך צוהערן צום געקנאַל. די געטאָ־מויערן האָבן אים געצויגן צו זיך ווי א מאַגנעט. גאַנצע טעג האָט ער זיך דאָרטן אַרומגעדרייט, נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר. און דער רויך איבערן געטאָ איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שוואַרצער און געדיכטער.

די ערשטע ידיעה פון קאַמפס־פעלד האָט אונדז געבראַכט א זעלנער פון „זשאַב“. מיר זענען געזעסן אויף שטשיגלע פאַרצווייפלטע. יורעק איז נערוועז אַרומגעלאָפן איבערן צימער. ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער מוז דאָ זיצן אין דער צייט ווען זיינע חברים קעמפן מיט געווער אין האַנט קעגן די היטלער־בעסטיעס. די פאַרבינדונג מיטן געטאָ האָט זיך איבערגעריסן. זינט דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד איז קיינער נישט אַריבער אויף דער צווייטער זייט. מיר האָבן נערוועז געדוויכט אָן א שיעור פּאַפּיראָסן. ס׳איז געווען אַזאַ דערדריקנדיקע שטימונג, אַז אַפילו וולאַדעק גאַיעק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן.

פּלוצעם האָבן מיר דערהערט א קלאַפּ אין טיר. מיין פרוי האָט געעפנט און אין צימער איז מיט א פּעסטן, זעלנערישן טראָט אַריין דער מיטגליד פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע — רישעק. ער האָט זיך אויסגעגליכן, זיך געשטעלט אויף „אַכטונג“, האָט סאַלוטירט און אויף א זעלנערישן אופן געמאָלדן וועגן דעם, אַז דער דייטשישער אָפּטייל, וועלכער איז דעם 19־טן אפּריל אַריין אין געטאָ, כדי צוצוטרעטן צו דער „פּאַציפיקאַציע“, איז געצוווּנגען געווען אונטערן פייער פון די זעלנער פון „זשאַב“ זיך אַרויסצוציען מיט גרויסע פאַרלוסטן. צוויי דייטשישע טאַנקן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַריינגעריסן אין

געטאָ, זענען אונטערגעצונדן געוואָרן דורך פלעשער מיט בענזין און זייערע מאַנשאַפטן זענען פאַרברענט געוואָרן. אויפן הויז אויף מילע גאַס, ווו עס געפינט זיך די הויפּט=קוואַרטיר פון „זשאָב“ פלאַטערט א רויט=ווייסע פאָן.

מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו רישעקן, אים אָנגעהויבן צו האַלדזן און קושן, וויינענדיק און לאַכנדיק פון גערירטקייט.

רישעק איז געווען א בלאָנדער, פעסטער יונגערמאַן מיט גראָבע געזיכטס=שטריכן. ער האָט געטראָגן א לעדערנע קורטקע און שווערע שטיוול מיט לאַנגע כאָלעוועס. צו אונדז האָט ער זיך אַדורכגעקראָגן דורכן יידישן בית=עולם, פּויזנדיק צווישן בערג מתים, וועלכע זענען דאָרט קופּעסווייז געלעגן נישט קיין באַגראָ=בענע. ער איז געקומען צו אונדז אלס דעלעגאַט פון שטאַב פון „זשאָב“ מיט דער ערשטער מעלדונג וועגן דער לאַגע אין געטאָ, אייַנשטעלנדיק אויף יעדן טראָט זיין לעבן. גייענדיק אויף די אומזיכערע גאַסן פון וואַרשע, האָט ער נישט פאַרגעסן אין אַזא קלייניקייט, ווי קויפן פאַר אונדזער קליינער עווען א טאָוול שאָקאָלאַד א מתנה אויף יום=טוב.

* * *

צווישן די פאַרבינדלער, וועלכע האָבן זיך א לענגערע צייט אויפגעהאַלטן אויף דער שטשיגלע, האָט זיך אויך געפונען סטאַשעק קאָלושקאָ, א ביאַליסטאָקער ייד פון אן ערך 40 יאָר, אן אקטיאָר פון יידישן טעאַטער. גערופן האָט מען אים „קאָלעיאַזש“.

סטאַשעק „קאָלעיאַזש“ אָדער ווי מען האָט אים אויך גערופן „אַקטיאָר“ איז געווען א גרויסער ענטוזיאַסט פון גאַיעקס מעשים. ער האָט אים פשוט פאַרערט און איז אים לעצטנס נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן. קאָלושקאָ פלעגט אַרייַנפאַלן אין געפערלעכע סיטואַציעס אָדער איבערלעבן קליינע, דענערווירנדיקע אינצידענטן אָן קיין שום וועזנטלעכער נויטווענדיקייט, ווייל נישט אלעמאָל איז ער גאַיעקן געווען נייטיק. ער איז אים אָבער נאָכגעגאַנגען ווי א היפּנאָטיזירטער. ווען קאָלושקאָ פלעגט קומען בייַנאַכט אויף שטשיגלע, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן אין א פּאָזע פון א טעאַטראַלן העלד און איבערדערציילן אלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט במשך פון טאָג. ער האָט געהאַט די פעיקייט צו דערציילן אפילו וועגן קלענסטן עפּיזאָד אזוי, אז ביי מענטשן האָט דאָס האַרץ געקאָנט אָפּשטיין פון שרעק און די האָר זאָלן זיך שטעלן קאַפּויר. ער פלעגט זיך אליין אזוי איבער=נעמען מיט זיינע פּאַסירונגען, אז ער האָט נישט באַמערקט די עקזאַלטאַציע, אָדער דעם איבערגעטריבענעם פּאַטאָס, אין וועלכן ער פלעגט אַרייַנפאַלן. מיר האָבן אים שטענדיק אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, הגם נישט איינמאָל פלעגן מיר אים איבעררייסן, כדי אים צוריקצוברענגען צו דער גרויער, טרויעריקערווירקלעכקייט. נישט געקוקט אָבער אויף זיין עלטער איז ער געווען זייער א דרייסטער און איז גרייט געווען אויסצופירן יעדער אויפגאַבע.

* * *

דער קאַמף האָט געדויערט. נאָכן אָנבינדן דורך רישעקן און שפּעטער דורך אַנדערע פאַרבינדלער א קאָנטאַקט מיטן געטאָ, האָט די פּפּר און די פאַלקס=גוואַרדיע אָרגאַניזירט א ריי קאַמפס=אַקציעס צוהילף דעם געטאָ. צווישן אַנדערע איז דעם 20=טן אַפּריל 1942 יאָר אַטאַקירט און פאַרניכטעט געוואָרן די דייטשישע באַדינונג פון דעם שווערן מאַשינען=געווער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער נאָוויניאַרסקע און פראַנציישקאַנער.

דער אויסגאַנג פון אומגלייכן קאַמף צווישן די העלדישע אויפשטענדלער מיט די ביז צו די ציין באַוואָפנטע היטלערישע רעגולערע דיוויזיעס איז געווען פון פאָרויס באַוווּסט. די איבערמענטשלעכע העלדישקייט האָט זיך געמוזט איינברעכן אין אָנבליק פון דער גרויסער צאָל אָפּטיילן פון דער ווערמאַכט, וועלכע האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָזיציע די מאָדערנסטע באַוואָפענונג. אין דעם דאָזיקן אומגלייכן קאַמף זענען די רייען פון דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע געוואָרן שיטערער מיט יעדן טאָג.

דאָס האָט געפאָדערט א ווייטערדיקע אויסברייטערונג פון דער טעטיקייט פון דער פּפּר, פון דער אָנפירונג פון דער פאַלקס=גוואַרדיע און פון דער יידישער קאַמפס=אָרגאַניזאַציע. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן א פּלאַן צו ראַטעווען די העלדישע זעלנער פון „זשאָב“, זיי אַרויספירן פון די פאַרלוירענע פּאָזיציעס און דערמעגלעכן זיי ווייטער צו קעמפן קעגן היטלערישן אָקופּאַנט אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער=אָפּטיילן פון דער פאַלקס=גוואַרדיע. דאָס אַרויסציען איינצלנע קעמפער און גאַנצע גרופּן איז פאָרגעקומען דורך די אונטערערדישע קאַנאַליזאַציע=קאַנאַלן.

איין באַוואָפנטע גרופּע, אַן ערך 40 זעלנער, איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די קאַנאַלן אויף פּראָסטע=גאַס אָנהייב מאַי 1943 יאָר. דאָס אַרויסבאַקומען די גרופּע אויף דער אויבערפלאַך און איר ווייטערדיקער טראַנספּאָרט איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון דער פאַלקס=גוואַרדיע. די גאַנצע אַקציע האָט אָרגאַניזירט דער פּאָלקאָווניק סענק=מאַלעצקי און דער צו אים צוגעטיילטער וולאָדעק גאַיעק, וועלכער האָט די אויפגאַבע געדאַרפט דירעקט דורכפירן. ערב דעם אַרויספירן די יידישע קעמפער פון די קאַנאַלן איז גאַיעק עטלעכע מאָל אַריינגעפאַלן צו אונדז אויף שטשיגלע=גאַס. אין איילעניש, א פאַרהאַיעטער, האָט ער איבערגעגעבן קאָלושקאָן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס זיין מיטהעלפער, די לעצטע אינסטרוקציעס און איז ווייטער ערגעץ ווו פאַרפאַלן געוואָרן.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, קאָלושקאָ איז אַרומגעגאַנגען אין צימער אַ נערוועזער, קוקנדיק יעדע ווײַלע דאָ אויפן פענצטער, דאָ אויפן זייגער. גאַיעקן האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

— וואָס מיינט ער זיך, דער „קשאַטשעק“? — האָט קאָלושקאָ געברומט צו זיך אליין. — צי ווייסט ער דען נישט, אז אזא שטיקל „ארבעט“ קאָן מען נישט דורכפירן אין דער פינצטער?

ס'איז שוין געווען גוט שפעט ווען גאיעק האָט זיך באוויזן. נישט רעדנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך אויסגעטאָן און אוועקגעלייגט שלאָפן. דער „קאָלעיאזש“ האָט אים אָנגעקוקט ווי א משוגענעם און האָט זיך אויך שווייגנדיק אויסגעטאָן. ערשט פארטאָג האָט זיך גאיעק אייפגעכאַפּט, אויפגעוועקט דעם „קאָלעיאזש“ און נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אין דער פינצטער שנעל אָנגעטאָן, זענען זיי אוועק אין שטאָט.

אויף צומאָרגנס נאָך מיטאָג האָט זיך אויף שטשיגלע געיאווועט קאָלושקאָ. שוין ביים ערשטן טראָט וואָס ער האָט געמאכט, אריבערגייענדיק די שוועל, האָבן מיר דערקענט, אז ער האָט איבערגעלעבט עפּעס אויסערגעוויינלעכס. מיר האָבן זיך ערנסט באאומרואיקט וועגן גאיעקס גורל און וועגן דערפאָלג פון דער גאַנצער אקציע, זעענדיק אז קאָלושקאָ איז געקומען אייגער אליין צוריק.

נאָך א דראמאטישן אריינפיר, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט קאָלושקאָ אונדז געגעוי איבערגעגעבן דעם פארלויף פון דער פאסירונג אין וועלכער ער איז געווען נישט בלויז קיין עדות, נאָר אויך א דירעקטער אָנטיילנעמער.

נאָכן ארויסגיין פון דער שטשיגלע זענען זיי אוועק גלייך אויף דער פראָסטע-גאס. זיי האָבן אויסגעפאָרשט די לאגע פון ביידע זייטן גאס, כדי זיך צו איבערצייגן, צי וועט זיי קיינער דאָ נישט „פארשיטן“. גאיעק האָט אריינגעקוקט אין אלע טויערן, געקראָכן דורך די הויפן, געשמועסט מיט די הויז-וועכטער, האָט זיך פארהאלטן א לענגערע צייט אין עפּעס אַ האָלץ-סקלאד און אין א גאראזש... צום סוף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן א רעסטאָראן. דאָס איז געווען א קליינע קנייפּע מיט א שטענדיקער קליענטעלע, וועלכע איז באשטאַנען פון די ארומיקע איינוווינער. דאָ פלעגן אָפּט אויך אריינקומען „גראנאַטאָווע“ פּאָליציאַנטן פון דערבייאיקן קאָמיסאריאט און „שמאלצאָווניקעס“, וועלכע פלעגן זיך דרייען ארום דער פּאָליציי, ווי בינען ארום האָניק.

גאיעק איז ארויף אויף די הילצערנע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צום רעסטאָראן, האָט אָנגענומען די קליאמקע און געוואָלט אריינגיין. ער איז אָבער שנעל אראָפּגעלאָפן צוריק און געזאָגט: „דאָ דארפן מיר מאָרגן קומען צו דער ארבעט“.

די נאַכט זענען זיי איבערגעשלאָפן ביי באקאנטע אויף כלאָדנע-גאס. גאַנץ פרי זענען זיי שוין צוריק געווען אויף פראָסטע, גאיעק האָט קאָנטראָלירט די פונקטן, וועלכע זענען באשטעלט געוואָרן דורך מיטגלידער פון דער פאָלקס-גווארדיע און נאָכן אָבסערווירן גענוי די גאס, האָט ער גענומען קאָלושקאָן פארן האנט און זיי זענען אריין אין רעסטאָראן.

אין ערשטן זאל זענען ביי די טישלעך געזעסן א סך מענטשן, וועלכע האָבן זיך מער פארנומען מיט רעדן, ווי מיט עסן. אין א קליין צימערל דערנעבן זענען

געזעסן „גראַנאַטאָווע“. באַקוקנדיק דעם זאַל אין די געסט איז גאַיעק אַוועק צום צימערל מיט די פּאָליציאַנטן, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דעם דערשטוינטן קאָלושקאָ. אַריינגייענדיק אין צימערל האָט גאַיעק פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. די פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען געזעסן מיט דער פּלייצע צום טיר, האָבן אויסגע־דרייט זייערע קעפּ אין גאַיעקס ריכטונג, אַרויסווייזנדיק אָפן זייער אומצופֿרידנ־קייט. דאָס צימערל איז געווען באַשטימט בלויז פֿאַר „אייגענע“.

גאַיעק האָט אָבער אויף קיינעם קיין אַכט נישט געלייגט און אָן צערעמאָניעס זיך צוגערוקט אַ שטול, זעצנדיק זיך ביי אַ טישל לעבן די פּאָליציאַנטן, אַזוי זיכער, אַז זיי האָבן זיך באמת אָנגעהויבן באַאומרואיקן. גאַיעק האָט אַרויסגע־שלעפּט פֿון מאַנטל־קעשענע דעם פּיסטאָלעט און אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש לעבן זיך. קאָלושקאָ איז געשטאַנען הינטער גאַיעקן, ווי ער וואָלט געווען זיין אַדיוטאַנט.

דער איינדרוק, וועלכן גאַיעק האָט געוואָלט מאַכן אויף די פּאָליציאַנטן, איז פֿולשטענדיק דערגרייכט געוואָרן. די דערשראָקענע פּאָליציאַנטן האָבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט אויפֿן ווייטערדיקן לויף פֿון די געשעענישן. אָפּ־וואַרטנדיק אַביסל, האָט „קשאַטשעק“ „גענומען אַ וואָרט“.

„מיינע הערן — האָט ער געזאָגט — איך בין אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע. מיר האָבן אויסצופֿירן אויף דער דאָזיקער גאַס אַ געוויסע אויפֿגאַבע. איך וואָרן, אַז קיינער פֿון אייך זאָל זיך נישט וואַגן צו ווייזן אויף דעם אָפּשניט פֿון פּראָסטע־גאַס. איר האָט פֿאַרשטאַנען, מיינע הערן?“.

און אַלס צייכן, אַז דאָס איז שוין אַלץ, איז ער עפּעקטפֿול און ענערגיש אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט, נישט אַרויסלאָזנדיק פֿון האַנט דעם פּיסטאָלעט. די פּאָליציאַנטן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן דערוואַרט עפּעס ערגערס. „קשאַטשעק“ און דער „קאָלעיאַזש“ האָבן רואיק פֿאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן.

די אַקציע האָט געדאַרפֿט דורכגעפֿירט ווערן גאַנץ פֿרי. מען האָט זיך אָבער פֿאַרשפּעטיקט, ווייל דער אויטאָ איז נישט געקומען צו דער צייט. ערשט נאָך 9 אַזייגער אינדערפֿרי איז אָנגעפֿאָרן אַ לאַסט־אויטאָ און זיך פֿאַרהאַלטן לעבן דער עפֿענונג פֿון קאַנאַל. קאָלושקאָ האָט קאָנטראָלירט די פּונקטן, וועלכע זענען באַשטעלט געוואָרן דורך די גוואַרדיסטן. אַלע האָבן זיך געפֿונען אויף זייערע ערטער. מען האָט געעפֿנט די דעק און געגעבן אַ סיגנאַל. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין דער עפֿענונג פֿון קאַנאַל באַוויזן דער ערשטער קאָפּ. איינעם נאָכן אַנדערן האָט מען אַרויסגעצויגן די זעלנער, אַרויפֿפּאַקנדיק זיי אויפֿן אויטאָ. די גאַנצע אָפּעראַציע האָט געדויערט אַן ערך אַ האַלבע שעה. נאָך דעם ווי די גאַנצע גרופּע פֿון אַן ערך 40 זעלנער איז אַרויסגעצויגן געוואָרן אויף דער אויבערפֿלאַך, האָט דער אויטאָ גערירט פֿון אָרט און שנעל אַוועקגעפֿאָרן דורך זשאָליבאָזש קיין לאָמיאַנקע.

עס זענען אָנגענומען געוואָרן אַלע פּאָרזיכטס־מיטלען. מען האָט אויך נישט פּארגעסן וועגן שאָפער, גאיעק האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים אין דער קאַבינע, וויזנדיק אים די טראַסע און די ריכטונג וווהין צו פּאָרן. קאָלושקאַ האָט זיך אומגעקערט צוריק אויף דער שטשיגלע.

אין א פּאָר טעג ארום האָבן מיר דערהאלטן א טעלעגראַמע פון גאיעקן: „מיר זענען אויף אַן אָרט. אַלץ איז אין אָרדענונג". מיר האָבן גאיעקן שאַרף פּאַראורטיילט פאר אזא אומפּאָרזיכטיקייט, אָבער גלייכצייטיק זענען מיר אים געווען דאַנקבאַר. די דאָזיקע ידיעה האָט אונדז פּשוט דערהאלטן ביים לעבן. אין דער גרופּע פון די 40 זעלנער, וועלכע זענען ארויסגעפירט געוואָרן פון די קאַנאַלן אויף פּראַסטע־גאַס האָט זיך אויך געפונען יוזשעק יאַראָסט. מיר האָבן אים אזוי געוואָלט זען. דערציילן אים וועגן אונדזערע האַרציקע געפילן פאַר אים, וועלכן מיר האָבן געקענט פּערזענלעך, און פאר זיינע חברים, וועלכע מיר האָבן געקענט בלויז פון הערן וועגן זייערע העלדנטאַטן. מיר האָבן אָבער נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז צו אזא באַגעגעניש וועט שוין מער נישט דערגיין. די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט אין די ווישקאָווער וועלדער, האָבן צונישט געמאַכט אַלע האָפענונגען זיך צו זען מיט יוזשעק יאַראָסטן.

דורכן וואַלד געבן ווישקאָוו גייט דורך א שאָסיי. אויפן דאָזיקן שאָסיי האָבן די פּאַרטיזאַנער איינמאָל אָנגעטראָפן א דייטשישן פּאַטרול. יוזשעק יאַראָסט איז בעתן קאַמף שווער פארוואונדעט געוואָרן אין האַלדז. זיינע קאַמפס־חברים האָבן אים דערטראָגן ביז א פּראָוויזאָרישן בונקער פון פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, אים פּאַרבאַנדאַזשירט און אוועק צוריק, כדי ווייטער פּאָרצוזעצן דעם קאַמף קעגן די דייטשן. אין צוויי טעג ארום, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אומגעקערט, זענען זיי אויפגעשוידערט געוואָרן פונעם בילד, וואָס זיי האָבן דערזען. לעבן פּראָוויזאָרישן בונקער איז געלעגן דער קערפּער פון יוזשעק יאַראָסטן אָן א קאָפּ. זיין אָפּגעהאַקטער קאָפּ איז געלעגן נישט ווייט פון בונקער. דער זאַמד דערנעבן איז געווען באַפּאַרבט מיטן בלוט פון זיין יונג און היים האַרץ.

* * *

יורעק זאַלאַטאָוו און רישעק, וועלכע האָבן געהאַט אַן אזוי גערופענעם „גוטן אויסזען", זענען באַשטימט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי זיך צו פּארנעמען מיט העלפן אָרגאַניזירן קאָנספּיראַטיווע וווינונגען פאר די קעמפער פון „זשאָב", וועלכע זענען ארויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ, ווי אויך דאָס צוגרייטן די טראַנספּאָרטן אין די וועלדער אריין. זיי האָבן געארבעט טאָג און נאַכט מיט התלהבות און ברען, ארויסרופנדיק צו זיך די גרעסטע באַוווּנדערונג. צוזאַמען מיט וולאַדעק גאיעקן האָט יורעק זאַלאַטאָוו אָפּגעפירט די ערשטע גרופּע 40 זעלנער פון „זשאָב" אין די ראַדזימינער וועלדער. קומענדיק צוריק פון ראַדזימין אויף דער שטשיגלע האָט ער אונדז דערציילט, וויאזוי עס האָט אויסגעזען דער ווייטערדיקער פּארלויף פון אָט דער אקציע.

קיין לאָמיאַנקי איז מען דערפֿאָרן אָן שום שטערונגען. די מענטשן האָט מען אַראָפּגענומען פֿון אויטאָ און זיי איינלאָקירט אין אַ געדיכטן וועלדל. דאָס אָרט איז שוין פֿריער ספּעציעל באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער עטאַפּ.

איניקע פּובליקאַציעס גיבן איבער, אַז די דאָזיקע גרופּע קעמפֿער איז איבערגעפֿירט געוואָרן גלייך פֿון דער פּראָסטע־גאַס צו די פּאַרטיזאַנער אין די ווישקאָווער וועלדער. דאָס איז נישט גענוי. די זעלנער האָבן זיך געפֿונען אין וועלדל ביי לאָמיאַנקי איבער אַ וואָך, וואַרטנדיק אויף אַ נייעם טראַנספּאָרט צו די פּאַרטיזאַנער. במשך פֿון דער צייט האָט מען זיי צוגעפֿירט עסן און אַפֿילו וואַרעמע מלבושים, ווייל די נעכט זענען אין יענעם יאָר געווען זייער קאַלטע. דאָס באַזאָרגן די געראַטעוועטע גרופּע מיט אַלעם נייטיקן און דאָס איבערפֿירן זיי ווייטער איז אָנפֿאַרטרויט געוואָרן גאַיעקן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען ס'איז שוין געווען צוגעגרייט אַ נייע פּאַרטיע פֿון עסן און קליידונג, איז דער באַשטעלטער אויטאָ נישט געקומען. מען האָט תיכף געדאַרפֿט זיך באַמיען וועגן אַ צווייטן אויטאָ. שוין דעמזעלבן טאָג האָט „קשאַטשעק" געבראַכט צופֿירן אַן אַנדער לאַסט־אויטאָ. ער איז פּשוט אַוועק צו אַ פּריוואַטער טראַנספּאָרט־אונטערנעמונג און האָט געדונגען אַן אויטאָ איבערצופֿירן הילצערנע טרעפּעס, וועלכע די דייטשן האָבן כלומרשט באַשטעלט פֿאַרן צענטראַלן אינסטיטוט פֿון פֿיזישער דערציִונג (צ.י.וו.פּ.) אויף ביעלאַן. נאָך דעם ווי אויפֿן אויטאָ איז שוין אויפֿגעלאָדן געוואָרן די זאַכן און דאָס עסן, האָט גאַיעק דערקלערט דעם שאָפֿער, אַז די טרעפּעס געפֿינען זיך אויפֿן סקלאַד לעבן גראַנסקער וואָקזאַל... גאַיעק האָט זיך געזעצט אין דער קאַבינע לעבן שאָפֿער און אויף דעם זעלבן אופֿן אָפּגעפֿירט אַלץ קיין לאָמיאַנקי. די זאַכן און דאָס עסן האָט מען אויסגעלאָדן, צוליב פּאָרזיכטס־טעמים, ווייט פֿון אָרט ווו ס'זענען געווען אויסבאַהאַלטן די זעלנער פֿון „זשאָב".

נאָך דעם, ווי דער אויטאָ איז אַוועקגעפֿאָרן, זענען וולאַדעק גאַיעק און יורעק זאַלאַטאַוו אַוועק צום וועלדל, צו דער גרופּע קעמפֿער. פֿאַרן אַריינגיין אין וועלדל האָבן זיי אויפֿן פֿייכטן זאַמד באַמערקט טיפֿע שפּורן פֿון שווערע אויטאָס. זייער אומרו איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען צוקומענדיק צום אָרט, ווו ס'האָט זיך געדאַרפֿט געפֿונען די גרופּע, האָבן זיי פֿון די 40 מאַן קיין איינעם נישט געפֿונען.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיי באַמערקט ווי אויף אַ מהלך פֿון איבער הונדערט מעטער אָבסערווירט זיי איינער פֿון הינטער אַ קוסט. גאַיעק האָט איבערגעלאָזט זאַלאַטאַוון אויף אַן אָרט און אַליין איז ער אַוועק אַ קוק טאָן וואָס דאָרט טוט זיך. פֿון הינטערן קוסט איז אַרויסגעשפּרונגען אַ קעמפֿער פֿון דער גרופּע, וועלכער האָט דערקענט גאַיעקן פֿון דערווייטנס און אים דערציילט, אַז נעכטן האָט די גרופּע געמוזט פֿאַרלאָזן איר אָרט און זיך באַהאַלטן טיפֿער אין וואַלד.

זיצנדיק אין וועלדל האָבן זיי דערהערט א גערויש פון מאָטאָרן. אין א געווויסן מאָמענט האָבן זיך נאָענט פון זיי פארהאלטן 4 לאסט־אויטאָס און איין פאסאזשיר־אויטאָ פון וועלכע עס זענען ארויס עטלעכע צענדליק דייטשן. זיי האָבן זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן און זענען אוועקגעפאָרן ווייטער. ס'איז שווער געווען צו פארשטיין נאָך וואָס זיי זענען געקומען צופאָרן. ערשט אין א פאָר שעה ארום האָט מען פון דערווייטנס דערהערט א ריי ביקסן־סאלוועס.

די אָרטיקע פויערים האָבן שפּעטער דערציילט, אז די היטלעריסטן האָבן דאָ געבראכט צו פירן א גאנצע גרופּע ארעסטירטע און נאָכן אויסגעפונען אז „אנטשפּרעכנדיקן" אָרט האָבן זיי אלעמען דערמאָרדעט, איבערלאָזנדיק די קערפּערס פון די דערשאָסענע אויף אן אָרט...

יורעק זאַלאַטאָוו האָט אזוי שטארק געוואָלט בלייבן מיט דער גרופּע, וועלכע איז אוועק צו די פארטיזאנער, אז ביים דערציילן אונדז דאָס אלץ, האָט ער פּשוט געוויינט. ער האָט אָבער געוויסנהאפט אויסגעפירט דעם באפעל פון דער פארטיי און איז געקומען צוריק.

דעם זעלבן טאָג האָבן יורעק און רישעק געהאט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט א צווייטן פארבינדלער אין א קליינער קאווארניע אויפן פּלאץ באַנקאָווי. פארנאכט איז צו אונדז דערגאנגען די ידיעה, אז אויפן פּלאץ, לעבן זשאביע, איז פאָרגעקומען א שיסעריי מיט דער פּאָליציי און יורעק און רישעק זענען דערהרגעט געוואָרן.

צום פּלאץ איז תיכף אוועקגעפאָרן מיין פרוים שוועסטער זאָשע (יאסנא). אויפן סקווער לעבן זשאביע איז געלעגן א טויטער יורעק זאַלאָטאָוו, נישט ווייט פון אים לעבן מויער איז געלעגן רישעק.

פון די געוועלבלעך־איינגטימער האָט זיך זאָשע דערוווסט איינצלהייטן וועגן גאנצן פּאָרפאל. ווען די יידישע זעלנער זענען געקומען צום טרעף־פּונקט האָבן זיי דאָרטן געטראָפן „גראנאטאָווע פּאָליציי", וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי אין פולער גרייטקייט. ווען די פּאָליציאנטן האָבן געוואָלט ארעסטירן די אָנטייל־נעמער פון דער טרעפונג, האָט יורעק ארויסגעכאפּט א גראנאט און אים א שליידער געטאָן, פארוונדנדיק שווער איינעם פון די פּאָליציאנטן. אין קאמף איז יורעק דערהרגעט געוואָרן. רישעקן האָט מען געכאפּט א לעבעדיקן און נאָכן אָפּפירן אים צום מויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די זשאביע גאס פון זאק־סישן גאָרטן, האָבן די פוילישע פאשיסטן אים דערשאָסן. זאָשע האָט געזיין בלויז צוויי מתים, אין וועלכע עס זענען פארגליווערט געוואָרן זייערע הייסע, פלאמיקע הערצער.

* * *

אין דער זעלבער צייט האָבן מיר דורכגעלעבט א צווייטע טראגעדיע. א גרופּע קעמפער פון געטאָ איז מיט די אונטערערדישע קאנאלן דערגאנגען אזש צו דער מיאָדאָווע. די קעמפער זענען אָבער באמערקט געוואָרן דורך די „שמאל־

צאָווניקעס“, די שאקאלן, וועלכע האָבן געלויערט אויף דער יידישער טראַגעדיע. זיי האָבן געבראכט דייטשישע זשאנדארמעריע און די גאנצע גרופּע, וועלכע האָט זיך אויסבאהאלטן אין קעלער פון הויז נר׳ 14 אויף מיאַדאָווע, איז אומגעקומען. געראטעוועט האָט זיך בלויז טאָלע, א יונג מיידל מיט קורצע, בלאָנדע האָר, א רבס א טאָכטער, וועלכע איז ביינאכט געקומען צו אונדז אויף שטשיגלע־גאס און איבערגעגעבן פּרטים וועגן דער גאנצער פּאסירונג.

* * *

פון קעמפנדיקן געטאָ איז אויך געקומען צו אונדז אויף שטשיגלע בעניעק. ער איז אלט געווען א יאָר 16. ביי זיין נידעריקן וווקס און בלאסן פּנים, האָט ער אויסגעזען זייער יינגלעריש. דערביי איז ער געווען זייער א גרויסער פּעדאנט. זיינע הויזן — בריטשעסן האָבן געהאט א קאנט, וועלכער איז געווען פּארשטעפּט אויף א מאשין. „אין אזעלכע באדינגונגען ווי איצטער — האָט ער געזאָגט — האָב איך נישט קיין צייט צו פּרעסן יעדן טאָג די הויזן“. מיר פלעגן אים רופן „א יינגל מיט פּרינציפּן“. ער האָט קיינמאָל נישט געטרונקען מער ווי איין גלאָז טיי. א פּאפּיראָס פלעגט ער פּאררויכערן בלויז נאָכן עסן. „אזעלכע זענען מיינע פּרינציפּן“ — פלעגט ער זאָגן. ער איז געווען זייער אן ערנסטער און א גרויסער שווייגער.

געקומען צו אונדז איז ער אויף פּאָלגנדיקן אופן. א געוויסן טאָג האָב איך באמערקט דורכן פענצטער ווי ער גייט דורכן הויף, זיכער ביי זיך, ווי ער וואָלט שוין דאָ געגאנגען נישט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט א שטארקן קלאפּ געטאָן אין טיר. אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך דערשראָקן. אויף זיין פּראגע, צי דאָ וווינט „פריילין זשיוטע“, האָב איך אים געענטפערט, אז ער האָט מסתמא א טעות געהאט, דאָ וווינט נישט קיין שום זשיוטע. איך האָב געזען ווי ער איז ארויס דורכן טויער. אין א געוויסער צייט ארום איז ער ווידער געקומען. ער האָט אָנגעקלאפּט אין טיר און נאָכן עפענען האָט ער זיך אָנגערופן: „דאָס איז זיכער דאָ“. ער האָט גוט געדענקט דעם וועג צו אונדזער וווינונג, פּונקט אזוי ווי אלע אנדערע חברים, וועלכע האָבן זיך באנוצט מיט אונדזער דירה. בעניעק איז געבליבן ביי אונדז. ער פלעגט איבערפירן אינסטרוקציעס פון דער פּארטיי פאר דער אָנפירונג פון „זשאָב“ אין געטאָ. די אינסטרוקציעס, וועלכע זענען געווען געשריבן אויף דינעם ביבעלע־פּאפּיר, פלעג איך אים איינגייען אין פּאסעק פון די הויזן.

וועגן בעניעקן האָבן מיר צום לעצטן מאָל געהערט סוף מאי. ביי אונדז אין שטוב האָט זיך דאן געפונען א פרישע גרופּע זעלנער פון „זשאָב“, וועלכע האָט געווארט אויפן אויטאָ, כדי אוועקצופירן צו די פּארטיזאנער אין די ראַדזימינער וועלדער. מיין פרוי איז אוועק אין געוועלב איינקויפן פאר זיי אויפן וועג. ארויסגייענדיק פון געוועלב האָט זי דערזען ווי פון דער קאָפּערניק־גאס

גייט צו דער שטשיגלע א יונג בחורל. זיין פארמאטערט, אויסגעדארט פנים, זיינע צעקנייטשטע בגדים און זיין גאנצער גאנג האבן עדות געזאגט, אז דאס איז איינער פון די געראטעוועטע קעמפער, וואס גייט צו אונדז. דאס האט ער מאקע דערציילט וועגן בעניעקן.

בעניעק האט זיך געפונען אין געטא אין א בונקער צוזאמען מיט עטלעכע צענדליק אויסבאהאלטענע יידן. זיין גאנצע פרייע צייט האט ער געשענקט די קינדער. מיט אויסערגעוויינלעכן געדולד פלעגט ער זיי דערציילן מעשהלעך, זיי געמאכט שפילצייג פון אלטע שאכטלען, האט זיי דערציילט וועגן שפילערייען, מיט וועלכע זיי וועלן זיך פארנעמען נאכן פארענדיקן די מלחמה...

מיט אייניקע טעג צוריק — האט דערציילט דער בחור — האט בעניעק באקומען א באפעל ארויסצוגיין פון בונקער און זיך אריינבאקומען אין א צווייטן בונקער, וו עס האט זיך נאך געפונען אביסל געווער. לויפנדיק דורך די ברענענדיקע גאסן פון ווארשעווער געטא איז ער אומגעקומען, פאלנדיק ווי א העלד אויפן פאסטן. אזוי איז אומגעקומען איינער פון די יונגסטע זעלנער פון דער יידישער קאמפס-ארגאניזאציע.

* * *

צווישן די פארביגיי־לער און געראטעוועטע זעלנער פון „זשאב“, וועלכע זענען אדורך די ווינונג פון שטשיגלע־גאס, האבן זיך אויך געפונען א סך יונגע מיידלעך, וועלכע זענען מיט גארניש אפגעשטאנען פון די בחורים. במשך פון א לענגערער צייט האט זיך ביי אונדז אויפגעהאלטן טאלע, וועלכע האט זיך אפגעראטעוועט פון דער מיאראווע־גאס. צווישן איר און דעם „קאלעיאזש“ — קאלושקא — פלעגן אויסברעכן אפט קריגערייען צוליב יעדער קלייניקייט. טאלע, א רבס א טאכטער, וועלכע האט פולשטענדיק איבערגעריסן מיט איר היים און זיך געשטעלט אין די רייען פון באוווסטזיניקן, רעוואלוציאנערן טייל פון יידישן ארבעטער־קלאס, האט נישט געקאנט מוחל זיין קאלושקאן זיינע „טעאריעס“. הגם קאלושקא האט אן שום וואקלעניש אויסגעפירט אלע באפעלן און אנווייזונגען פון דער אנפירונג, האט ער נאך נישט געהאט אלץ „קלאר“ אין קאפ. נישט איינמאל פלעגט ער זיך פארטראכטן וואס איז בעסער: גיין צו די פארטיזאנער אין וואלד אדער זיך מאכן „ארישע“ פאפירן...

איך געדענק אויך זייער גוט ריווען. זי האט אויסגעזען ווי א טיפישע יידישקע און האט שלעכט גערעדט פויליש. זי האט זיך ארויסבאקומען דורך א קאנאל און איז סיידן מיט א גם דערגאנגען אזש צו אונדז אויף שטשיגלע. זי איז אבער געקומען בלויז כדי צו דערציילן, אז אין דאזיקן קאנאל געפינען זיך זעלנער פון „זשאב“ און מען דארף זיי פון דארט ארויסבאקומען. זי האט זיך אפילו אפגערעדט מיט די קאנאליזאציע־ארבעטער, וועלכע האבן איר צוגעזאגט צו

העלפן. זי האָט אונדז הײם צוגערעדט מיר זאָלן תיכף גײן מיט איר צום אָרט, װוּ ס'געפינען זיך די זעלנער, אָבער ארויסגײן מיט איר אויף דער גאס האָט באדײט א זיכערער טויט. איר אויסזען, צעריסן קלײד און אויפרעגונג האָבן גערעדט פאר זיך אלײן.

מיט גרויס מי האָט זיך אונדז אײנגעגעבן איר צו איבערצײגן זי זאָל בלײבן אין שטוב. צו די קאנאלן זענען אוועק אנדערע חברים. פון די דאָזיקע קאנאלן האָט זיך אָבער נישט אײנגעגעבן ארויסצופירן קײן אײן קעמפער. ביי דער עפענונג זענען שוין געשטאנען דײטשן. װען די חברים זענען צוריקגעקומען און דאָס דערצײלט, האָט זיי ריווע נישט געװאָלט גלײבן. װען ס'איז טונקל געװאָרן איז זי אנטלאָפן פון דער װוינונג. זי איז אוועק ראטעווען די חברים. זי האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט און קײנער האָט נישט געוווסט ווי אזוי זי איז אומגעקומען.

אויף שטשיגלע האָט זיך א געוויסע צײט אויך געפונען מאלאשקע. געבראכט האָט זי צו אונדז פון ביאליסטאָקער געטאָ קאָלושקאָ אלײן. זי האָט געארבעט אין װארשע אלס פארטיי-פונקציאָנאר אויף טארגוועק. זי איז אָבער געכאפט געוואָרן דורך די פוילישע פאשיסטן, דורך דער „גראנאטאָווער פּאָליציי", און איז אומגעקומען אין די קעלערן פון געסטאפּאָ.

צומנאָענטסטן האָבן מיר באקענט דאָרקע גאָלדקאָרן, די אָנטײלנעמערין אין געטאָ-אויפשטאנד, אײנע פון די אקטיווסטע קעמפערינס פון „זשאָב" — א מיטגליד פון פּפּר.

געקומען איז זי צו אונדז אויף שטשיגלע אויף א נישט געוויינלעכן אופן. מיר זענען שוין אלע לאנג געשלאָפן, ווי ס'האָט אונדז אויפגעוועקט א קלאפּן אין פענצטער. דאָס האָט דער הויז-וועכטער געקלאפּט, שרײענדיק: „צו אײך איז געקומען צו פאָרן א קוזינקע פון דאָרף".

מײן פרוי איז ארויס אויפן הויף און ארײנגעפירט אין שטוב א יונג מײדל. אײנגעהילט אין א טוך מיט קוויטן. אין האנט האָט זי געהאלטן א פּארוויאנטן בוקעט פון פעלד-בלימעלעך. ווען זי האָט אראָפּגענומען דעם טוך פון קאָפּ האָבן מיר באמערקט, אז אירע באקן זענען צעדראפּעט און פארבלוטיקט. די רעכטע האנט איז געווען אויסגעלענקט און געשוואָלן.

זי האָט אונדז דערצײלט ווי אזוי זי האָט זיך געראטעוועט. גײענדיק אײנמאָל אויף דער „ארישער" זײט אלס פארבינדלערין האָט מען זי פארהאלטן. זי האָט זיך נישט מודה געווען, אז זי איז א יידישע. מען האָט זי געפּאָרשט, עקזאמינירט און געהייסן זאָגן „פּאטשיאזש". מען האָט איר אויסגעפרעגט װעגן די קלענסטע אײנצלהײטן פון רעליגיעזן קולט. וויזט אויס, אז דער עקזאמען איז אויסגעפאלן נישט באפרידיקנדיק, ווייל מען האָט זי אָפּגעשיקט אויפן אומשלאג-פּלאץ און פון דאָרטן — נאָך דריי טעג ווארטן אונטערן פרײען הימל

— איז זי צוזאמען מיט נאָך טויזנטער ייִדן פאַרפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנען, וועלכע מען האָט אָפּטראַנספּאָרטירט קיין מיידאַנעק.

דאָרקע גאָלדקאָרן האָט אָבער פון לעבן נישט רעזיגנירט. אין וואַגאָן האָבן זיך צוזאַמען מיט איר געפונען א סך ייִדישע משפחות — מענער, פרויען און קינדער. דאָס זענען געווען פאַרמוטשעטע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געזען קיין שום מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. רעזיגנירנדיק פון קאַמף פאַרן אייגענעם לעבן, האָבן זיי געהאָלפן דאָרקען אַנטלויפן. מיט זייער הילף האָט דאָרקע ארויסגעריסן א ברעט פון וואַגאָן. דורך דער עפענונג האָט זי זיך ארויסגעוואָרפן פון לויפנדיקן צוג, באַמיענדיק זיך נישט ארונטערצופאלן אונטער די רעדער.

ווען דער טראַנספּאָרט מיט די אומגליקלעכע ייִדן האָט זיך דערווייטערט, איז זי אויפגעשטאַנען, נישט ווויסנדיק ווו זי געפינט זיך און וווהין צו גיין. אָפּגייענדיק א שטיקל וועג האָט זי דערזען א פויערישע כאַטע. זי האָט אָנגעקלאַפּט און נישט געקוקט וואָס ס'איז געווען נאָך האַלבע נאַכט, האָט מען איר געעפנט די טיר. די פויערים=משפחה האָט איר זייער שיין אויפגענומען. זי האָט זיך דאָרטן אָפּגערוט, זיך ארומגעוואַשן און אָפּגעגעסן. די פויערים האָבן איר געשענקט דאָס געבלימלט טיכל און געוויזן דעם וועג צו דער באַן=סטאַציע. ארויסגייענדיק האָט זי ספּעציעל אָפּגעריסן א בוקעט בלומען. קיין וואַרשע איז זי אָנגעקומען אין א פּאָר שעה ארום. מורא האָבנדיק צו זיצן אויפן וואָקזאַל ביז פאַרטאָג, איז זי אוועק אויף שטשיגלע, ווו זי איז גליקלעך געקומען צו אונדז.

דאָרקע גאָלדקאָרן איז אוועקגעפאָרן מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, סוף מאַי, אין די ראַדזימינער וועלדער...

זי איז דאָרט געווען טעטיק ווי א פאַרבינדלערין צווישן דעם פּאַרטיזאַנער=אָפּטייל מיט די ראַדזימינער פּאַרטיי=חברים. א געוויסן טאָג, ווען די דייטשן האָבן צעקלאַפּט די ייִדישע פּאַרטיזאַנער=גרופּע, האָט זיך דאָרקע געפונען אין שטעטל. די היטלעריסטן האָבן דאָרט דורכגעפירט אן אַבלאַווע און זי פאַרהאַלטן. צוזאַמען מיט א טראַנספּאָרט פּאָליאַקן איז זי אָפּגעפירט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע=לאַגער.

אין 1945 יאָר, נאָכן זיג פון דער סאָוועטישער אַרמיי איבערן היטלערישן פאַשיזם און נאָכן פאַרטרייבן די בעסטיאַלישע אָקופּאַנטן פון פּוילן, האָבן מיר דאָרקען געטראָפן אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּר. די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען פאַר אונדז אן אויסערגעוויינלעכע פרייידיקע איבערראַשונג. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער פּאַרטיזאַנער=אָפּטייל איז צעקלאַפּט געוואָרן, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט, אַז דאָרקע האָט זיך געראַטעוועט. דאָרקע איז געווען די איינציקע לעבן=געבליבענע פון אַלע חברים, וועלכע זענען אדורך די דירה אויף שטשיגלע=גאַס.

* * *

נאָכן הערלעכן און דרייסטן אדורכפירן די קאמפס־אויפגאבע, נאָכן איינאָרדענען די יידישע זעלנער פון „זשאָב“ אין די פּארטיזאנער־אָפּטיילונגען, איז וולאדעק גאיעק צוריקגעקומען פון ראדזימין מיט א נאָמינאציע אלס קאפּיטאן פון דער פאָלקס־גווארדיע. ער איז געווען זייער שטאָלץ און גליקלעך. דער היטלערישער טעראָר האָט זיך אָבער פארשטארקט פון טאָג צו טאָג און דער קאמף פון דער פאָלקס־גווארדיע קעגן היטלערישן אָקופּאנט האָט אָנגענומען אלץ שארפערע פאָרמען.

אָנהייב יוני איז געפאלן מיט א העלדישן טויט טאדעק. דאָס איז געווען אויף ראָנדאָ וואשינגטאָנא. א גרופּע פון דער פאָלקס־גווארדיע האָט דאָרטן דורכגעפירט א קאמפס־אקציע קעגן א גרופּע געסטאפּאָ־לייט. דורכגעלעכערט פון אן אויטאָמאטן־סעריע, איז טאדעק געפאלן אין קאמף נישט ארויסלאָזנדיק ביזן לעצטן אָטעם־צוג דעם פּיסטאָלעט פון האנט.

אין די הענט פון געסטאפּאָ איז אויך ארייַנגעפאלן וולאדעק גאיעק — „קשאטשעק“. ער איז אין אָקטאָבער חודש 1943 דערשאָסן געוואָרן דורך דער געסטאפּאָ. אויף די פּלאקאטן, וועלכע די אָקופּאנטן האָבן פאנאנדערגעקלעפּט אין שטאָט, איז זיין פאמיליען־נאָמען געווען די דריטע לויט דער ריי אויף דער ליסטע פון די דערמאָרדעטע קאָמוניסטן.

* * *

דאָס פעלן פון מיליטערישער אויסשולונג און מאנגל אין געווער האָבן די זעלנער פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע דערגענצט מיט זייער בייַשפּיללאָזער העלדישקייט און הויכן פּאָליטישן באוווסטזיין. צווישן די קעמפער איז געפירט געוואָרן א ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט. גרויסע פארדינסטן ביים דערציען די זעלנער האָט געהאט דער חבר פּאָנדאמינסקי („סטעפאן“). ער אליין איז געווען זייער א געבילדעטער מענטש און האָט געארבעט אלס אסיסטענט אויף דער ווארשעווער פּאָליטעכניק. דער חבר פּאָנדאמינסקי האָט געהאט אלע מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען אויף דער „ארישער“ זייט, ער האָט לייַכט געקאָנט ראטעווען זיין לעבן. ער האָט אָבער געוואָלט בלייבן אין געטאָ צוזאמען מיט זיינע חברים און העלפן זיי אין זייער שווערן קאמף.

פּאָנדאמינסקי איז געווען די נשמה פון דער קעמפנדיקער יידישער יוגנט. זיין גרויס וויסן און דאָס גרינטלעך קענען די מארקסיסטיש־לעניניסטישע וויסנשאפט, ווי אויך זיינע אויסערגעוויינלעכע פּעדאגאָגישע פעיִקייטן און גרענעצלאָזע טרייַקייט דער פּארטיי, האָבן אים פארלייכטערט די שווערע אויפגאבע פון דערציען די יידישע קעמפער אין די באדינגונגען פון געטאָ.

דער חבר פּאָנדאמינסקי איז געווען ביי אונדז אויף שטשיגלע צוויי מאָל. ער איז דאן אלט געווען א יאָר 35. ער איז געווען א ברונעט פון הויכן וווקס, מיט א בלייך, גלאט־ראזירט פּנים. די האָר פלעגט ער קעמען ארויף. זיין גאנצע

געשטאלט, זיין אופן פון רעדן, זיין האלטן זיך האָבן עדות געזאָגט וועגן זיין אינטעליגענץ און וויסן. אין דער באציונג צו מענטשן איז ער געווען זייער פשוט און הארציק. אין די לעצטע פאזן פון קאמף האָבן די היטלערישע בעסטיעס אויסגעמאָרדעט גאנצע גרופן און איינצלנע קעמפער. פאָנדאמינסקי איז געבליבן אויף זיין קאמפס־פאָזיציע ביז דער לעצטער מינוט. פון זיין בונקער האָבן די דייטשן נישט ארויסגענומען קיין איין לעבעדיקן מענטש.

דער חבר פאָנדאַמינסקי איז, פונקט ווי זיינע חברים פון דער יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע, געפאלן ווי א העלד אין קאמף פארן כבוד פון די יידישע פאָלקס־מאסן פאר „אונדזער און אייער פרייהייט“, פאר א פריי פוילן, פאר א וועלט אָן ראסן־דיסקרימינאציעס און מלחמות, פאר פעלקער־פארברידערונג און שלום.